The Hebrew Journal
דער אידישער
זשורנאל
The Hebrew Journal

THE ONLY JEWISH DAILY IN ONTARIO.

די איינציגע אידישע צייטונג אין אנטעריא.

VOLUME III. No. 824 Toronto, Sunday, October 31st, 1915 כ"ט חשון פרשה תולדות תרע"ו. זונטאג דער 31-טער אקטאבער 1915 PRICE: 1 CENT

A S Freidus New York c/o The Public Library 476 Fifth Ave NEW YORK CITY

רומעניע געהט ווארשיינליך צו די עליים גריכענלאנד ווארט אויף רומעניען

יארק אקטאבער 30

א היינטיגע דעפעשע פון לאנדאן צו דער נייעס אגענטור לויטעט דאס:

טעלעגראמען פון רוים מעלדען דאס בעשטימטע אבמאכונגען זיינען געשלאסען געווארען מיט רומעניען אז זי זאל דורך לאזען רוסישע טרופען צו העלפען סערביען און דאס רומעניען זאל האבען אנגענומען אלע קאנצעסיעס פון די עליים, וועלכעס מיינט דאס רומעניען טרייט אריין צו העלפען די עליים.

ווידער וועגען פריעדע

וואשינגטאן אקטאבער 30

מען רעדט אזוי פיעל די לעצטע צייט וועגען פריעדען, און עס קען טאקי גאנץ מעגליך זיין אז אין גיכען זאל מען טאקי נעהמען אויף אן אמת פערהאנדלען פריעדען.

דאס וואס דער אמעריקאנער אמבאסאדאר דזשעראַרד אין בערלין האט בעזוכט קייזער ווילהעלם ווערט דא אנגענומען אלס א גוטער סמן פאר פריעדען.

אין וואשינגטאנער אפיציעלע קרייזען דיסקוטירט מען זעהר שטארק וועגען דעם. מען גלויבט שטארק אז קייזער ווילהעלם האט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט אויסצושפרעכען דייטשלאנדס פריעדענס טערמינען.

אבער ווי פרעזידענט ווילסאן האט זיך אויסגעדריקט, וועט אמעריקא זיך ניט אריינמישען פארצושלאגען שלום, סיידען איינער פון די קעמפפענדע צדדים וועט זיך אפיציעל ווענדען צו בעטען שלום.

אידישער העלד ארויסגעטריבען פון פעטראגראד

לאנדאן: — די אידיש רוסישע וואכענצייטונג ,,יעווריסקאיא נעדעליא'' דערצעהלט, אז די צוויי אידישע העלדען ארבאך און קונין, וועלכע האבען געקראגען געארג קרייצען פאר זייערע גרויסע העלדענטהאטען אין שלאכטפעלד, זיינען ניט ערלויבט געווארען צו פערבלייבען אין פעטראגראד און אין אזאוו, יעקאטערינאסלאווער גובערניע. מען האט זיי געבראכט, דעם ערשטען אין דער רוסישער הויפט - שטאדט און דעם צווייטען אין אזאוו, צו היילען זיך פון די וואונדען וואס זיי האבען געקראגען אין דער צייט וואס זיי האבען געצייגט זייערע העלדענטהאטען, פיר וועלכע זיי זיינען געקרוינט געווארען אלס געארג קאוואליערען.

אין פעטראגראד איז אידען פון אלע מאל פערבאטען צו וואהנען און אין אזאוו איז יעצט אין מלחמה ראיאן.

די זעלבע צייטונג מעלדעט אויך, אז די דערפער אין טאמבאווער גובערניע, וועלכע זיינען מיט א קורצע צייט צוריק געעפענט געווארען פאר אידען, זיינען יעצט ווידער געשלאסען.

קענעדע וועט האבען א פערטעל מיליאן סאלדאטען

אטאווא אקטאבער 29

קענעדע וועט ארויסשטעלען אויף'ן שלאכטפעלד א פערטעל מיליאן סאלדאטען, דאס איז די לעצטע בעקאנטמאכונג. היינט צו טאג האט קענעדע ארום 173 טויזענד סאלדאטען, און ביז קומענדען פריהלינג וועלען רעקרוטירט ווערען נאך הונדערט טויזענד סאלדאטען. אזוי אז חוץ די עטליכע טויזענד וועלכע דארפען בלייבען אין קענעדע גופא פאר פאטרול פליכטען, וועט קענעדע קענען ארויסשטעלען אויף'ן שלאכטפעלד א פערטעל מיליאן מענשען.

ארום טויזענד רעקרוטען ווערען יעצט רעקרוטירט טעגליך איבערן לאנד.

פערוואונדעט פון זיין ערפינדונג

דזשארדזש אייבערהעמס פון דריי ארמסטראנג עוועניו, ליגט יעצט א פערוואונדעטער אין דזשענעראל האספיטאל, אלס א רעזולטאט פון דעם, וואס זיינע אן ערפינדונג צו א ביקס, אז די לעצטע זאל קענען 75 מאהל אויסשיעסען אין א מינוט האט עקספלאדירט אין מיטען עקספערימענטירען, און איהם שווער פערוואונדעט.

רוסלאנד וועט בעפרייען לעמבערגער אידען.

לאנדאן: — עטליכע רוסישע צייטונגען בעהויפטען, אז די לעמבערגער אידען וועלען באלד בעפרייט ווערען אין רוסלאנד.

די דאזיגע אידען זיינען געבראכט געווארען נאך רוסלאנד אלס לעבעדיגע משכנות, אז די לעמבערגער בעפעלקערונג וועט זיך אויפפיהרען לאיאל, און זיי זיינען די גאנצע צייט געהאלטען געווארען פערשפארט, אבוואהל רוסלאנד איז שוין לאנג פערטריבען פון גאליציען.

עס ווערט אויך בעהויפטעט, אז מען וועט ענדליך מאכען א סוף צו די ליידען פון די איבעריגע גאליצישע אידען וואס געפינען זיך אין רוסלאנד.

דערפאר אבער האט מען אפגעשטעלט די גירושים אויף אידישע פליכטלינגע אין רעציצא און לוטצין.

עליים באמבאדירען טערקישע טרענטשעס.

קאנסטאנטינאפעל אקט. 30

דער טערקישער קריעגס אפיס האט נעכטען אבענד מודיע געווען דאס:

"נעבען אנאפארטא האבען אונזערע באמבעס געטראפען א דעפא פון שונא'ס אמוניציאן וועלכער האט עקספלאדירט. די קראכען האבען זיך געהערט פאר גאנצע 15 מינוטען.

אונזער ארטילעריע האט אטאקירט דעם שונא'ס טרופען וועלכע האבען געגראבען טרענטשעס.

נעבען אווי בורנו האט זיך דעם שונא'ס פייער ארויסגעוויזען אלס ניט ווירקזאם. דאנערשטאג די גאנצע נאכט האט דער שונא אהן אויפהער באמבארדירט אונזערע טרענטשעס אויף דעם רעכטען פליגעל, און אויף'ן צווייטען טאג האט זייער ארטילעריע געמאכט אונערפאלגרייכע אטאקען אויף אייניגע פונקטען פון אונזערע ליניעס.

נעבען סעדדול באהר זיינען פארגעקומען שלאכטען מיט ארטילעריע, באמבעס און טארפעדאס.

דער שונא האט געשיקט טויזענד באמבעס אויף אונזער לינקען פליגעל פערניכטענדיג אייניגע טרענטשעס אונזערע.

נעבען אווי בורנא און סעדדול באהר האבען צוויי פון שונא'ס קריעגס שיפען אנטהייל גענומען אין דעם באמבארדמענט, זיי זיינען אבער פערטריבען געווארען פון אונזער ארטילעריע.

רוסיש מיליטער פערלאזט אדעסא און סעוואסטאפאל קיין בולגאריען

קאפענהאגען, אקטאבער 30

גרויסע קאנטינגענטען פון רוסישען טרופען זיינען אבגעפאהרען פון פארטען פון שווארצען ים אין אדעסא און סעוואסטאפאל צום בולגארישען ברעג.

אזוי לויטעט דאס בערלינער טאגעבלאט. די דעפעשע וועלכע קומט צום טאגעבלאט פון בוקארעסט, רומעניען, זאגט דאס די טראנספארטען ווערען געפיהרט פון א שטארקען סקאדראן. לויט דיעזע ידיעות זיינען די אלע אטאקען פון די רוסישע קריעגס שיפען וואס זיינען ניט לאנג צוריק געמאכט געווארען אויף דעם בולגארישען פארט ווארנא געווען מיט'ן צוועק כדי צו לאנדען רוסישע טרופען אין בולגאריען.

וויפיעל די מלחמה קאסט ביז יעצט

פאריז אקטאבער 30

אונאפיציעל איז דא היינט בעקאנט געמאכט געווארען, אז ביז דעם 20-טען אקטאבער פון דיעזען יאהר האט שוין די מלחמה אויפגעגעסען די אונגעהויערע סומע פון 24,801,000,000 דאלאר.

דיעזע אונגעהייערע סומע איז צוטהיילט צווישען די פערשיעדענע לענדער ווי פאלגט:

ענגלאנד	6,163,000,000 דאלאר
פראנקרייך	4,128,000,000 דאל.
איטאליע	643,000,000 דאלאר
רוסלאנד	3,724,000,000 דאלאר
דייטשלאנד	7,380,000,000 דאלאר
עסטרייך	2763,000,000 דאלאר

אין אפיציעלע קרייזען אבער רעדט מען אז די מלחמה קאסט פיעל פיעל מעהר.

ענגלאנד בענוצט זיך מיט דייטשע שיפען

לאנדאן אקטאבער 30

אום שנעלער ארויסצופיהרען די פערשיעדענע תבואות פון קענעדע נאך ענגלאנד האט די ענגלישע רעגיערונג גענומען כאפט ביי דייטשלאנד און דיעזע שיפען צוויי דייטשע שיפען וועלכע זי האט פערוועלען עס פיהרען די פראכט פון קענעדע נאך ענגלאנד.

די דייטשע שיפען זיינען די "טערפישאר" און די "טשילי.

עס איז פערשטענדליך אז פיעלע ענגלישע פראכט שיפען זיינען פערנומען מיט פיהרען אמוניציאן וועלכעס ווערט פאבריצירט אין קענעדע.

פראכט אויטאריטעטען האבען ערקלעהרט, אז ווען עס וועלען ניט זיין נאך שיפען וועט אין מאנטרעאלער פארט איבערבלייבען 50,000 טאן פראכט, ווען די נאוויגאציע וועט זיך שליסען, און דעריבער האט עס ענגלאנד גענומען די צוויי דייטשע שיפען צו הילף.

רבי פריים אין דער ארענא

היינט אבענד וועט אין דער ארענע פארגעקומען א גרויסער פאטריאטישער מיטינג, אראנזשירט פון דער סיטיזענס רעקרוטינג ליגע.

האנארייבל וואהייט, דער פעדעראלער פינאנץ מיניסטער, קורנעל קאודי און רבי דר. פריים וועלען זיין די הויפט רעדנער ביים מיטינג.

ווי רבי פריים לאזט אונז אויך וויסען, וועט ער מאנטאג אבפאהרען אין ען הארבאר, מישיגען, וואו ער וועט זיך אבגעבען א שטיקעל צייט מיט ליטערארישע ארבייט.

אידישער קאנדידאט פאר אלדערמאן

ווי עס ווייזט אויס וועלען מיר דיעזען יאהר האבען א גאנץ היציגען קאמפיין.

עס איז שוין בעקאנט געווארען, דאס עס זענען דא פיעל קאנדידאטען, פאר אלדערמאן, פאר קאנטראלערס און זאגאר פאר מעיאר.

און ווי עס הערט זיך וועלען מיר אויך האבען אייניגע אידישע קאנדידאטען.

איינער פון וועלכע עס וועט געוויס זיין מר. דזשיי. גרינבערג, פון דער ,,דע יאנג דזשענטס פארנישינג קאמפאני''.

ווי עס הערט זיך האט זיך א קאמיטע פון פראמינענטע בירגער געווענדעט צו מר. גרינבערגען און האבען דורכאויס געפאדערט פון איהם, ער זאל אננעהמען די קאנדידאטור.

וואס ער האט דער קאמיטע געענטפערט איז נאך ניט בעוואוסט, נור ווי מען רעכנט וועט ער עס אננעהמען.

מר. דזשיי גרינבערג, איז א גאנץ אינטעליגענטער יונגער מאן און איז גוט בעוואוסט אין די היגע אידישע קרייזען. ער נעהמט אימער א טיכטיגען אנטהייל אין יעדער אידישער פראגע, און עס איז קיין צווייפעל ניט, דאס ער וואלט געקענט זיין א גוטער פארשטעהער אין סיטי האל.

קעניג דזשארדזש פאלט פון פערד און ווערט פערוואונדעט

לאנדאן, אקט., 29.

קעניג דזשארדזש ליידעט פון שטארקע וואונדען וועלכע ער האט געקראגען אלס א רעזולטאט פון אן עקסידענט וואס האט מיט איהם פאסירט דאנערשטאג וועהרענד ער האט אונטערזוכט די ענגלישע טרופען אויף'ן פראנצויזישען פראנט.

דאס פערד, אויף וועלכען ער האט גערוטען וועהרענד זיין אינספעקציאן, האט זיך נעמליך דערשראקען פון די געוואלדען וואס די סאלדאטען האבען געמאכט סאלוטירענדיג איהם.

פאר שרעק האט זיך דאס פערד ווי אויסגעגליטשט און געפאלען צוריק, אראבווארפענדיג דעם קעניג אויף דער ערד.

קעניג דזשארדזש ווערט נאטירליך בעהאנדעלט פון זיינע דאקטוירים.

נייער פראנצויזישער קאבינעט האט צוויי סאציאליסטען

פאריז אקטאבער 30

דער נייער פראנצויזישער קאבינעט, וועלכער איז יעצט ארגאניזירט געווארען מיט אריסטיד בריאן אלס פרעמיער איז א ריכטיגער קאאליציאנס-קאבינעט, און אין איהם זיינען פערטראטען די עקסטרעם ראדיקאלסטע אזוי גוט ווי די עקסטרעם רעכטע ווי די קלעריקאלען.

דער נייער קאבינעט בעשטעהט:

בריאן פרעמיער און אויסלענדישער מיניסטאר, גאליעני, קריעגס מיניסטער, ריבא פינאנץ, מארסעל סעמבא א סאציאליסט, מיניסטער פון עפענטליכער ארבייט, יוסטיץ — וויוואני. דעניס קאשין דער פיהרער פון די קלעריקאלען, און דזשוליוס גער דער פיהרער פון די סאציאליסטען זיינען אין קאבינעט אהן פארטפאליאס.

איטאליענער באמבארדירען עסטרייכישען קעניגליכען פאלאץ

וויען אקט. 29

דער קעניגליכער פאלאץ אין מיראמאר, וועלכער איז אמאל געווען די היים פון גרויספירשט מאקסימיליאן, איז היינט באמבארדירט געווארען פון איטאליענישע אוויאטארען.

וויפיעל שאדען דאס האט פעראורזאכט דעם פאלאץ דערצעהלט ניט דער בעריכט.

דיעזער פאלאץ געפינט זיך פיער מייל אין צפון מערב פון טריעסט, ביים סאמע ברעג פון דעם אדריאטישען ים.

סער טשארלס טופער געשטארבען

אטטאווא, אקט., 30.

סער ראבערט בארדען האט היינט ערהאלטען א טעלעגראמע פון סער גאָרדאן פערלי, דאס סער טשארלס טופער איז געשטארבען אין בעקסלי היעטה, קענט, ענגלאנד.

סער טשארלס איז שוין געווען א מאן פון אריבער 94 יאהר. ער איז געווען דער לעצטער פון די 33 ,,פאטערס פון קאנפעדעראציאן''.

ווען ער איז אלט געווען 79 יאהר האט ער זיך צוריק געצויגען פון פארלאמענט. ווען ער איז שוין אלט געווען 90 יאהר האט ער גענומען א גרויסען אינטערעס אין דעם קאמפיין וועגען רעסיפראסיטי מיט די פעראייניגטע שטאאטען.

מיט א יאהר צוריק האט סער טשארלס פערעפענטליכט זיין ביאגראפיע מיט'ן נאמען: ,,ערינערונגען פון 60 יאהר אין קענעדע''.

רעדענדיג וועגען סער טשארלס טופפער האט פרעמיער בארדען געזאגט:

,,אין סער טשארלס טופער איז אוועק געשטארבען דער גרעסטער קענעדער מאן וואס האט ווען עס איז געלעבט. גאנצע פופציג יאהר האט ער פערנומען דעם גאנצען אויבען אן אין עפענטליכען לעבען אין קענעדע.

געוועזען פרעמיער אין זיין פראווינץ דאן פינאנץ מיניסטער, דאן מיניסטער פון אייזענבאהן און קאנאלען, שפעטער הויי קאמישיאנער פון קענעדע אין לאנדאן, דאן פריים מיניסטער אין קענעדע. קאן מען זיך פארשטעלען א גרעסערע קאריערע?''

,,ער לאזט הינטער זיך'', האט פרעמיער בארדען געענדיגט, א רייכען רעקארד מיט א גרויסען נאמען מיט וועלכען קענעדע וועט תמיד שטאלצירען''.

זשאפר בעזוכט לאנדאן

לאנדאן אקטאבער 29

גענעראל זשאפר, דער פראנצויזישער הויפט קאמאנדיר איז היינט געקומען קיין לאנדאן. באלד ווי ער איז געקומען איז ער אוועק אין קריעגס אפיס. פון דארט איז דער קריעגס מיניסטער, לארד קיטשענער, מיט איהם אוועק געפאהרען אין אן אויטאמאביל.

גענעראל זשאפר האט דאן בייגעוואהנט א קאנפערענץ אין דאונינג סטריט וואו עס געפינען זיך אלע רעגירונגס אפיסעס, אויף וועלכען קאנפערענץ עס האבען זיך געפונען דער פרעמיער אסקוויטה, לארד קיטשענער, באלפור, ללאיד דזשארדזש און אייניגע ענגלישע און פראנצויזישע מיליטערישע אפיצירען.

לארד קיטשענער האט דאן געגעבען א דינער לכבוד דעם גאסט אין אבענד אין יארק הויז, סיינט דזשיימס פאלאסט. די רייכסטע אריסטאקראטיע איז געווען אנוועזענד, קומענדיג לכבוד דעם פראנצויזישען הויפט קריעגס פיהרער.

טאראנטאר הפקרות

עס איז געווען בעריכטעט אין ,,אידישען זשורנאל'' פון פרייטאג דאס א אידישער הפקר מענש האט געריסען אונזער פוילישען רב ביי דער בארד.

אלס א פארטזעצונג זיינען פיער הפקר - יונגען אנגעפאלען אויף דעם זעלבען רב אונזערען ביי איהם אין הויז און איהם ווידער געשלאגען.

קיין פירושים אויף דעם דארפען מיר ניט מאכען, וואס מיר ווילען צוגעבען איז בלויז, אז הוליגאנעס פון יעדען סארט, וואס און ווער זיי זאלען ניט זיין, ווייזען בלויז זייער ,,העלדישקייט'' אויף אנשטענדיגע מענשען אדער אויף פרויען און קינדער.

זייער גלייכען, אזעלכע בויאנעס ווי זיי זיינען וואלטען זיי ניט בעפאלען, ווייל זיי וואלטען מיאוס אבגעשניטען, זיי קריכען בלויז אהין וואו זיי זיינען זיכער אז זיי וועלען ניט טרעפען קיין ידים ידי עשיו.

עס איז יעדענפאלס א טרויעריגע ערשיינונג. אן אויסדרוק פון הפקרות וואס געפינט זיך אויף דער אידישער גאס, טאראנטער, אידען דארפען זיך אין דעם אריין טראכטען.

אריבער א מיליאן געזאמעלט פאר די מלחמה-קרבנות

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט פרייטאג, האט די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע פון דער אמעריקאן דזשואיש רעליעף קאמיטע און סענטראל רעליעף געשיקט צוויי הונדערט טויזענד דאלאר פאר די מלחמה קרבנות.

אין דעם לעצטען בולעטין, וועלכען מיר האבען ערהאלטען פון דער קאמיטע, ווערט געזאגט אז זיי האבען געשיקט 262 טויזענד דאלאר, פון דעם הונדערט טויזענד דאלאר פאר רוסיש-פוילען (וועלכע איז פערנומען פון דייטשלאנד) 75 טויזענד פאר רוסלאנד, 50 טויזענד פאר גאליציען און טויזענד דאלאר פאר די אידען פון קריטא.

ביז'ן 23-טען אקטאבער, ווערט אין דעם בולעטין געמעלדעט, איז פאר די מלחמה קרבנות צוזאמען געזאמעלט געווארען $1,184,746,18

די אמעריקאן דזשואיש רעליעף קאמיטע האט אויך צו מעלדען אז דעם 21-טען אקטאבער האט זי דערהאלטען א קייבעל פון דער יקא אין פעטראגראד, אין וועלכען עס ווערט געזאגט, אז זי נעהמט אויף זיך אלע בעמיהונגען אבצושאפען יענע אויסגעוויזענע וועלכע געפינען זיך יעצט אין רוסלאנד. דאס וועט זי טהאן אויף'ן פערלאנג פון די אמעריקאנער קרובים.

כאפען א קארטעל פרייטאג צו נאכט

עטליכע חברה האבען זיך פרייטאג צו נאכט ניט געוואלט פערנעהמען מיט אזעלכע זאכען ווי זאגען זמירות, נור האבען בעסער געוואלט מאכען א ,,פארקערל'', דאס איז אזא שפיעל ארום וועלכען מען קען זיך אויסליידיגען די קעשענעס און אוועקגעהן אהיים מיט א קאפווייטאג.

סארדזשענט מעקיני פון מאראליטי דעפארטמענט האט זיי געוואלט פערשפארען דעם קאפ ווייטאג, און האט בעפאלען דאס הויז, וואו מען האט געשפיעלט.

דער סארדזשענט האט גענומען צו זיך נאך זעקס פאליסלייט, אום קיינער זאל זיך פון זייערע הענט ניט ארויסדרעהען.

דאס הויז, וועלכע איז בעפאלען געווארען געפינט זיך אין 261 קווין סטריט וועסט, און ווען די פאליציי איז דאס הויז בעפאלען, איז צווישען די שפיעלער געווארען א שטיקעל מהומה, יעדער איינער האט זיך געוואלט ארויסדרעהען פון צו כאפען א פריען ,,אויטאמאביל רייד''.

אבער עס איז זיי ניט געלונגען.

דייוויד מארש, איז אנגעקלאגט, אלס דער אויפהאלטער פון דער הויז און די איבעריגע פאר שפיעלען דארט.

ווי די פאליציי גיט איבער, האבען זיי שוין לאנג געוואוסט, אז דארטען איז א הייזקע, וואו מען כאפט א קארטעל. אין הייזקע זענען אויך געווען איינגעריכטעט פערשיעדענע סיגנאלען, מען זאל וויסען ווער עס קומט.

דיעזען מאל זענען אלע אריינגעפאלען.

נעכטען זיינען דיעזע אידען פארגעפיהרט געווארען פאר'ן געריכט, און דייוויד מארש איז פערארטהיילט געווארען צו 30 טעג דזשייל פאר האלטען א געמבלינג הויז און די שפיעלער, איינער פון וועלכע האט געקליימט דאס ער האט פערלוירען $100, זיינען בעשטראפט געווארען צו $10 יעדער.

געלד פאר די מלחמה ליידענדע אבגעשיקט.

מר. ל. לעווינסקי האט ערהאלטען רעסיטס פאר אלע געלדער וואס זיינען געזאמעלט געווארען אין די שוהלען און וועלכע זיינען דורך איהם אוועקגעשיקט געווארען.

ער בעט אונז נאך אמאל צו דאנקען אלע מנדבים, וועלכעס מיר טהוען מיט פערגעניגען.

בריעף אין ,,אידישען זשורנאל.''

צוויי פאסט קארטען געפינען זיך אין אפיס אדרעסירט צו סעם שאפירא און קא. 117 עלם סטריט אדער עלם פליים, פון א קריעגסגעפאנגענעם אין ראוזאלנאיע האס שרייבט ער צו זיין ברודער און שוואגער.

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס.

טעלעגראפיש

38

סענט (פארזיכעל)

מר. ה. וויינבערג, דער ארויסגעבער פון ,,זשורנאל'' מיינט בלויז די טובה פון די וואס שיקען, אז זייער געלד זאל אנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם ביליגסטען פרייז.

חתן כלה
זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מעררידזש לייסענס

קאן מען קריגען אין אפיס פון

„אידישען זשורנאל"

נאטיס!

דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מעררידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה. פריי

בענוצט זיך מיט דיזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל

67 עליזאבעטה סטריט 67

מ. העלער

176½ קווין סט. וועסט טאראנטא

נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויף'ן פלאץ. חתונה רינגען געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם ביליגסטען פרייז.

14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוזייט. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעני־וויים.

וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינג 40 סענט, דזשולס 40 סענט, סטעמפס 50 ס
מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי נייע פיר א קליינעם פרייז.
אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט
מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם ביליגסטען פרייז.

דער אידישער פאטאגראפער
מ. שליאכטער

פון 16 קעמעראן סטריט
האט געמופט אין 280 קווין סטריט וועסט

בילדער ווערען גענומען אויך ביי נאכט ביי עלעקטריק לייט אזוי גוט ווי ביי טאג.

גרויסע צופריעדענהייט גאראנטירט.

לכבוד דער ערעפנונג האב איך רעדוצירט די פרייזען כדי צו אדווערטייזען מיין פלאץ:

פאסט קארדס 60 סענט א דאזען
קאבינעט א דאזען $1.00
ספעציעלע פרייזען פאר גרופען.
איך פארגרעסער אייער בילד מיט א פרים פאר $1.75
בלויז פאר צוויי וואכען צייט!
נוצט אוים די געלעגענהייט.
א פאטאגראפער מופט זעלטען!

שפארט א 40% פון אייער קוילען ביל!

דייזי אש סיפטער



דאס וויזט ווי דער סיפטער איז אפען. ער פערמאכט זיך אזוי אז ער מאכט ניט קיין שטויב ווען אין געברויך

צוויי סייזעס: 75ס. און $1.25

פאטענטירט דושן דעם 27־טען 1913.

צו בעקומען אין אלע הארדוועהר סטארס.

אט האט איהר אן אש סיפטער (א באקס וואס זיפט דורך די אש) וועלכער וועט זיכער פערקלענערן אייערע קוילען בילס, וועלכעס איז איצט זעהר וויכטיג. עס איז געמאכט שטארק פון בעסטען מאטעריאל און איז אויסגעצייכענט מיט'ן סטייל און עס ארבייט גוט. א לייכטער שאקעל און די אש ווערט אבגעטהיילט פון די ניט פערברענטע קוילען און מען טור נוט בויגען דעם רוקען דאס צו טהאן. קיינע אנשטרענגונגען.

מאנופעקטשורד בלויז ביי

סארען בראס., 549 קינג סט. וו., טאראנטא

פארס צו ביליגע פרייזען ביי ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

Real Estate
ריטל עסטייט

3 אדער 4 רומס צו פערדינגען מיט אלע קאנוויניענס, ביליג רענט. 84 וואלטאן סטריט.
4106—11—2

ביליג רענט אין לעאנארד עוועניו נייע הייזער, 8 רומס און באר סקוועער פלען הארדוואוד פלארס, סעפערעטע מיטערס פיר גאז און עלעקטריק און סינקס פיר יעדער פלעט בעזונדער. פרעגען טעלעפאן קאלעדזש 6820
4073—31—10

פלעט צו פערדינגען מיט אלע קאנוויניענס סטים היט, א טעלעפאן פריי אין 2 בעלוויו עוועניו
6—14

צו פערדינגען א סטאר מיט 7 רומס אין אדעלייד נעבען ספידיינא, גוט פיר א בוטשער קיין אנדער בוטשער סטאר אין געגענד, ביליג רענט.
פרעגען געלבער בראס. 217 ריטשמאנד.
4096—11—1

צו פערדינגען א פורנישד פראנט פארלאר פאר א סינגעל מאן אין 62 בעווערלי סטריט.
4094—1—11

א פלעט ענגעס אפארטמענט, 4 רומס, א סטאר מיט סטים היטינג 12 דאלאר מאנאטליך עליזאבעט סטריט.
דייווים 212 סימקא.
4083—11—1

צו פערדינגען א שעהנע גרויסע רום פאר א סינגעל מאן, 4 דאלאר א מאנאט קליינע סטאר אדער אפיס 10 דאלאר.
211 מיקאל סטריט.
4101

צו פערדינגען א פלעט פון 3 רומס אלע קאנוויניענס, סעפערעט גאז, ביליג רענט, ביי א קליינער פאמיליע.
49 אקספארד סטריט.
4105—11—1

א גוטע בעקוועהמע האלל, קען גערענט ווערען פאר מיטינגס, פארטים, אדער פערמאנאט אין 33 סענט פעטריק סטריט
.4103—2—11

צו פערקויפען א הארדוועהר סטאר. א גוטער איינגעטרייטער ביזנעס פלאץ.
א טשאנז איבערצונעהמען מיט קליינע געלד.
נאכפרעגען 799 קווין וועסט
4102—11—2

א גוטער טשאנס פאר א פעהיגען מאן צו אטענדען א קליינינג סטאר קיין ארבייט בלויז קענוועסען, פריי וואוינונג און לייטס און גוטע קאמישאן. פרעגען זאפארט 245 טשוירטש סטריט.
4107

א קאטעדזש צו פערדינגען 2 רומס מיט קאנוויניענס 5 דאלאר א מאנאט 155 סענטער עוועניו
4088—31—10

פערלאנגט א פוירסט קלעס שייפער און אונטערבייסטער אויך א פאקעט מאכער, ביי מענער ארבייט. שאצקע 456 ריטשמאנד סטריט וועסט, הויז 478 ריטשמאנד סט. וועסט.
.4108—11—1)

צו פערדינגען 2 שעהנע פארנישד רומס 55 סאליוואן סטריט.
4090—1—11

צו פערדינגען א סטאר מיט 6 רומס אין 357 קווין סטריט איסט. פרעגען 359 קווין סטריט איסט.
4109—11—1

מזל טוב

ווינשט דער אידישער פאלקס־פעראיין צו דער חתונה פון אונזער מעמבער

מר שאול ווילסאן
מיט מיסס
חיה גאלדראט

וועלכע האט שטאטגעפונען זונטאג דעם 24־טען אקטאבער אין 46 סיסעל סטריט.

נייעס פאר די פרויען פון די איסט

אזוי ווי אייך איז בעוואוסט דאס די צייט איז שלעכט מאך איך אייך בעקאנט דאס איך וועל אייך סופליען מיט ביליגע פלייש פאר די איסט

10 סענט א פונט

רינדערנע, קעלבערנע שעפסענע ווי אויך דעליווערט צו הויז.

ברוסט און בראטען ראא מ
ברוסט און סטייקס צו 15 סענט א פונט.

אייער אלט בעוואוסטער בוטשער
בעניקאהען
331 קווין סטריט איסט

פיש און טשיקענס געשאכטענע צו די ביליגסטע פרייזען.

קומט און פאטראניזירט בעני קאהען
331 קווין איסט.

ארבייטער פערלאנגט

וועסטען אפערייטארס פערלאנגט פרעגען 260 ריטשמאנד וועסט גלייך. די בערנער טיילארינג קאמפאניע.
4080—10—31

פערלאנגט א פאר בלאקער 4 עדווארד סטריט.
4059—11—1

באטאן נייער פערלאנגט זאפארט. נאכפרעגען ס. גרינפארב און קא. 132 ריטשמאנד סטריט וועסט.

פערלאנגט א שניידער פאר סעקאנד הענד סוטס. נאכפרעגען 125 האנדאס סט.
4087—10—31

עקספיריענסד באטאן האל מייקערס אויף קלאדינג פערלאנגט 60 בעווערלי סטריט. פרעגען פון 12 ביז 6
4069—10—29

א קארפעט פון 10 אויף 12 פיט נאך גאנץ ניי צו פערקויפען פרעגען 153 מארקהעם סטריט.
10—31

א פיאנא לעהרערין זוכט שילער. נאכפרעגען פער טעלעפאן. מיין 7147.
4078—11—3

שטענדיגע פאזישאן פאר עקספירענס רינג מאכערס און דזשולערס

מיט איינע פון די בעסטע און גרעסטע מאנופעקטשורינג פירמע טיסדאלס 150 יאנג סטריט
4092—10—31

פערלאנגט 2 לייטע צו דעליווערען דעם היגען זשורנאל און ניו יארקער צייטונגען. סעלערי און קאמישאן. נאכפרעגען דווארקין'ס אפיס 64 עליזאבעטה
4099—30—10

צו פערדינגען א דענץ האל און באנקעט רום, ספעציעל פאר סאסייטיס אדער קלאבס, מיט אלעריי געשיר. און אויך סטידזש און סאסייטי טענץ ווערט געלעהרענט, ביי די קופער דאנסינג אקאדעמיע 38 קווין, קארנער ספידיינא. טעלעפאן קאלעדזש 7369.
4104—30—10

בעריכט פון ברענטש 72 איד. נאצ. ארבייטער פערבאנד

א מיטינג איז אבגעהאלטען געווארען זונטאג דעם 24 אקטאבער אין נאצ. ראדיקאלע שוהלע דער סעקרעטער לעזט פאר די קארעספאנדענץ פון דזשענעראל אפיס פון ניו יארק, וועלכע די חברים פון מיטינג נעהמען אויף מיט פרייד און בעגייסטערונג, אין דער קארעספאנדענץ ווערען זיי אויפגעפאדערט צו ארבייטען פאר דעם ארדען און איבערהויפט ארבייטען אין דער אגיטאציאנס וואך וועלכע איז פון דעם 5־טען ביז דעם 15־טען נאוועמבער 1915. איבערהויפט ווערט דארט גערעדט וועגען דער פרעמיום וואס ווערט געגעבען פאר די אלע חברים וואס וועלען זיך פארשלאגען אין דער אגיטאציאנס וואך פון 5 ביז 15 נאוועמבער.

די פרעמיום בעשטעהט פון 2 מאנאטען פריי דיוס, ביי די דיזען מיטינג ווערען פארגעשלאגען ניי חברים.

מ. קאפלאן, סעקרעטער

צו די שוהלען

א קאמיטע מיטינג פון דער קהלה וועט אבגעהאלטען ווערען שבת נאכט דעם 30־טען אקטאבער פונקט 7.30 אין תלמוד תורה בילדינג.

די קאמיטע ווי אויך די וואס האבען קרעדענשעלס וועלען צוגעלאזען ווערען. קיינע פריוואט פערזאנען אהן קרעדענשעלס וועלען ניט אריין געלאזען ווערען. מיר גיבען אויף צייט און בעטען די שוהלען צו ערוועהלען דעלעגאטען. דעלעגאטען וועלען אנגענומען ווערען ביז דעם 14־טען נאוועמבער צו די קהלה.

די קאמיטע איז געבעטען צו קומען אין צייט.

ל. לעווינסקי, פרעזידענט.

צו פערקויפען זעהר ביליג עלעקטריק פיקטשורס פאר א הויז, נאכפרעגען 223 בעווערלי סטריט.
4077—31—10

וויכטיגע בעקאנטמאכונג!

איך אבא וואלפסאן, דער געוועזענער בוטשער ארבייטער פון בערנשטיין און וויינריב האב ערעפענט א בוטשער שאפ אין 132 עליזאבעט סטריט, וואו איהר קענט ביי מיר בעקומען צו יעדער צייט די בעסטע רינדערנע, שעפסענע און קעלבערנע פלייש צו 8 סענט א פונט אדער 3 פונט פיר 20 סענט.

קישקעס לונגען פריי.

ברוסט און סטייק 14 סענט א פונט איהר קענט יעצט סייפען געלד.

מיר גאראנטירען די בעסטע צופריעדענהייט.

קומט אלע אין 132 עליזאבעט סטריט.

סטריקטלי כשר
אכטונגספאל
אבא וואלפסאן

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אידזשענסי אדער סאב אידזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל א־דזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווייניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויף'ן זעלבען פלאץ אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטעדער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף פלאץ אין יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד בעהט ארויין אין קראפט (שוין אריינרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיום אויב אויסגעפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטען צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען אין יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויסבילדען א הויז ווערטה פון $300.

וו. וו. קארי.

דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר

נ. ב. נים אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטיזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.

— 87088

קוויטירונגען פון אידישען פאלקס פעראיין

עיו"כ איז געזאמעלט געווארען ביי די חברה בני משה אנשי פוילען $1,67.

עיו"כ איז געזאמעלט געווארען ביי די היברו גמילות חסד פעראיין $1.70

אויף א מלוה מלכה ביי די חברה בית יעקב אנשי פוילען, געזאמעלט דורך משה טארנאווסקי און הירשעל וויינטרויב $5.60. מר קליינמאן פון 174 טשעסטנאט סטריט האט געברענגט דאס געלד צום פעראיין

אויף די חתונה פון מיסס איידי שטארקמאן מיט מר. ירמיהו צוויגמאן אין 293 סימקא סטריט, געזאמעלט דורך מר. שטריקמאן און מר, ראיעווסקי $3.65 דאס יונגע פארעל האבען געבראכט דאס געלד צום פעראיין.

אויף אשטיקעל שמחה וואו עס האבען פערבראכט די חברה אנשי חענטשין אין 37 עדווארד סטריט איז געזאמעלט געווארען דורך זייער פרעזידענט אהרן קרפערבערג און זייער וויים פרעזידענט יצחק פערלשטיין און זייער סעקרעטער יצחק שטיינבערג $6,01. אונזער טיכטיגער מעמבער מר גבריאל לאקס פון 106 ד'ארסי סטריט האט געבראכט דאס געלד צום פעראיין.

אויף א חתונה ביי מיסס חיה גאלדראט מיט מר. שאול ווילסאן אין 46 סיסעל סטריט איז געזאמעלט געווארען דורך מר. מעזניקער, מר. וויינטרויב און מר. קראנזילבער 15 דאלאר מיס פעני זילבערבערג האט געקויפט אז איהר פאטער זאל איבערצעהלען דאס געלד, מר. לואיס גראנאטשטיין האט געבראכט דאס געלד צום פעראיין.

מיסס סערא בוטשין פון 533 קווין וועסט האט בייגעשטייערט ביכער צו דער לייבערערי פון פעראיין. מר. ע. שפירגעל פון 768 קווין וועסט האט בייגעשטייערט 1 בוך.

דורך א טעות איז ארויסגעפאלען דער נאמען פון מר. מרדכי סטילמאן, וועלכער האט געבראכט $3.25 צום פעראיין.

מיר דאנקען די מנדבים און קאלעקטארס וועלכע געדענקען אימער אן אידישען פאלקס פעראיין.

ל. ראזענבערג, סעקרעטער.

בריעף־קאסטען

ר. גאלדשטיין: — ניט דרוקבאר.

שטענדיגע לעזערין: — ריביהנען־קונסט אדער מאווינג פיקטשורס איז אזא אנשטענדיגע פראפעסיע ווי אלעס אנדערעס.

מיר קענען אייך גאר ניט ראטהען. אזא זאך מוזט איהר זעלבסט ענטשיידען.

א. ד. גלושקאוו: — „א עצה ווי צו מאכען געלד", וועט ניט געדרוקט זיין, אויף פערלאנג וועלען מיר עס אייך צוריקשיקען.

עקספרעסען און שווערע וועגענס. ווי אויך פוירסט קלאס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות. האלגרייווס ליווערי 11 גרענרוש עוו. פאן קאלעדזש 4953.

„איהר עהרע"

אן אריגינעלער און שפאנענדער ראמאן אויס דעם היגען אידישען לעבען.

געשריבען ספעציעל פאר'ן „אידישען זשורנאל"

פון ב. בארא־ץ.

(16־טע פארטזעצונג)

ווען בנימין האט אויסגעהערט אלעס וואס דבורקהלע האט איהם דערצעהלט איז ער געבליבען זיצען גאנץ שטיל, ער האט איהר ניט געוואוסט וואס צו ראטהען.

צוערשט איז איהם ארויף א געדאנק אין קאפ ער זאל איהר זאגען זי זאל געהן אהיים און פאלגען טאטע מאמע, חתונה האבען מיט דעם גבירס בן יחיד, זי וואלט דאן זיכער געווען אז זי איז פערזארגט אין דער צוקונפט.

באלד אבער האט ער זיך פערשעהמט פאר זיין אייגענעם געדאנק. ער האט זיך געפיהלט שולדיג נעגען איהר, ער האט זי ארויסגעפיהרט פון וועג, זי איז געווען א פראסטע נאאיווע מיידעל ווען ער האט זיך מיט איהר בעקענט, און יעצט וואס! זי איז דורך איהם אויפגעקלעהרט געווארען, און וויל שוין ניט לעבען לויט איהרע עלטערן פיהרען זי, קען ער זי פיהרען?

אויף דער פראגע האט זיך בנימין קיין ענטפער ניט געקענט געבען, אמת, ער האט זי ליעב האט ער זיך געטראכט, אבער וואס איז ליעבע אליין, ער איז ארים, און חוץ דעם וויל ער גאר שטודירען.

דבורקהלע איז געזעסען ארום איהם און האט זיך שטארק געטוליעט צו איהם ער וועט זי פערטהיידיגען פון אלעמען האט זי געטראכט, און האט ארויפגעקוקט צו איהם מיט איהרע שווארצע אויגען.

ביי דער בלאסער לבנה שיין האט בנימין אויסגעקוקט אויסערגעוועהנליך שעהן, ער איז געזעסען פערטראכט און דאס האט איהם צוגעגעבען א מעהר טרויערישען חן.

פלוצלונג האט זיך בנימין א קעהר געטהאן צו דבורקה'לען און האט זי שטארק צוגעדריקט צו זיך.

דבורקה'לע! האט ער מיט בעגייסטערונג געזאגט דו ביזט מיינע ביז מיין לעצטען אטהעם צוג, קיינער אין דער וועלט קען אונז ניט צושיידען.

אבער וואוהין זאל איך יעצט געהן! האט דבורקה'לע מיט א געבעט זיך געווענדעט צו איהם.

וואס הייסט וואוהין! האט בנימין זי פערוואונדערט אנגעקוקט, אהיים טייערע, אהיים וועסטו געהן.

אהיים! האט דבורקהלע זיך געוואונדערט. נו און מיין טאטע מאמע דו פערגעסט דעם סקאנדאל וואס איך האב פערשאפט דערמיט וואס איך בין פון דער היים אוועק, דער טאטע וועט דאך מיך אויף'ן שוועל ניט ארויפלאזען.

אבער דו דענקסט דאך ניט דבורקהלע אין גאנצען אהיים ניט צו געהן?

דערום בנימין בין איך דאך געקומען פרעגען דו זאלסט מיר געבען אן עצה וואס איך זאל טהאן.

נו, איז מיין עצה דו זאלסט געהן, דיין טאטע וועט אביסעל שרייען ביז ער וועט זיך איבערשרייען און דאן וועט ווידער אלס שטיל ווערען, און אויב ער וועט דיך אין הויז ניט וועלען אריינלאזען, דאן וועסטו האבען דאס פולע רעכט צו געהן וואוהין דו ווילסט, און געהן וועסטו דאן מיט מיר.

מיין טהייערער בנימין! האט דבורקהלע געשעפטשעט און האט זיך נאך מעהר צוגעדריקט צו איהם, און האט זיך געפיהלט איבערגליקליך.

לאנג איז נאך בנימין און דבורק'לע געזעסען אויף זייער פלאץ. זיי האבען נאך אבגערעדט אז דבורקהלע זאל פריהער געהן אהיים און אויב די אומשטענדען וועלען זיין אזעלכע אז זי וועט דארפען דאס הויז פערלאזען זאל זי צוריק קומען אויף דעם זעלבען פלאץ וואו ער וועט אויף איהר ווארטען.

זיי האבען אויך אבגערעדט אז ער זאל ניט מעהר ווארטען ווי א שטונדע, און ווען זי וועט ניט צוריק־קומען אין דער צייט וועט עס זיין א סמן אז אלעס איז אין בעסטען ארדנונג.

זיי האבען זיך הערציליך צוזעגענט און זי איז אוועק.

פון דעם ערשטען בליק וואס נח האט געטהאן אויף זיין טאכטער ווען זי האט זיך אויף'ן שוועל געוויזען, איז ער עפעס ווי פאראליזירט געווארען ער האט פערגעסען זיין טאכטער אלס אנטלאפענע, און פלוצלונג זעהט ער זי דא ביי זיך אין הויז.

אויסגעקוקט האט דבורקה'לע ווי א געטין, פערפוצט אין איהרע שבת'דיגע קליידער איז זי שטאלץ געשטאנען אויף'ן שוועל פון טיהר און האט זיך פון ארט ניט גערירט.

נח איז אבער שנעל צו זיך געקומען, און מיט א געשריי ח—צ—ו—פ—ה האט ער זיך מיט ביידע קולאקעס א לאז געטהאן צו זיין טאכטער.

ער וואלט זיכער זיינע שווערע הענד ארונטערגעלאזען אויף דבורקהלעס קאפ, ווען פאר איהם וואלט פלוצלונג ווי פון אונטער דער ערד ניט אויסגעוואקסען זיין פרוי טאמארע.

טאמארע האט דערזעהען די געפאהר און האט זיך אריינגעווארפען צווישען דעם פאטער און דער טאכטער, מיט ביידע הענד האט זי פארנאנדער געשפרייט איהר קלייד ווי מיט דעם וואלט זי געוואלט בעשיצען דבורקה'לען פון איהר פאטערס צארען.

געה אוועק פון ראנען, אלטע בהמה האט נח מיט צארן געשריהען ווארום איך וועל אייך ביידען דערהרג'ענען. איהר זענט ביידע גלייך איינע ניט בעסער פאר דער צווייטער.

שלאג מיך, אבער איהר זאלסטו ניט אנריהרען, האט טאמארע געשריהען מיט איהרע כחות, נח בעדענק זיך וואס דו טהוסט דיין אייגען קינד ווילסטו שלאגען.

זי איז ניט מיין קינד! איך וויל זי ניט קענען! זאל זי ארויס פון מיין הויז ארויס, ארויס, חצופה, אויף מיין שוועל זאלסטו זיך ניט ווייזען, איך דארף דיך ניט, געה הענג זיך, טרינק זיך, טהו זיך אן א מיתה משונה, אבער ביי מיר אין הויז וויל איך דיך ניט זעהען, פאר מיר ביזטו טויט. דו הערסט, שוין זאל זיך דא דיין זוואניע ניט געפינען. געה דיך צו דיינע צאציליסטלאך, און ווערט פערברענט אלע אינאיינעם.

נח! האב רחמנות וואס טהוסטו! בעדענק זיך! האט טאמארע געיאמערט דו קענסט געהן מיט איהר אינאיינעם, איך וויל אייך ביידען ניט קענען, איהר טרייבט מיך ביידע א יונגען פון דער וועלט.

דו חצופה ארויס, אבער שוין איך זאל דיין טריפענעם פרצוף ניט אנקוקען.

דבורקההע האט אן עפען געטהאן די טהיר, אום אוועקצוגעהן, אבער טאמארע האט זי אנגעכאפט פארן קלייד און האט זי צוריק געהאלטען.

גוט, איך געה טאטע! האט דבורקהלע מיט א גאנץ קלאהרער שטימע ארויסגערעדט. איך האב אויף דיר קיין שאנדע ניט געוואלט ברענגען, אבער דערמיט וואס איך געה אוועק ברענגסטו די שאנדע אויף זיך אליין. איך וועל קיינמאל ניט צושטימען צו חתונה האבען מיט דעם וואס דו וועסט פאר מיר אויסקלייבען, נור איך וועל חתונה האבען מיט דעם וואס איך וועל מיר אליין אויסקלייבען, מיט די ווערטער האט זיך דבורקהלע ארויסגעריסען פון איהר מוטערס הענד און איז מיט שנעלע טריט ארויס פון הויז.

טאמארע איז איהר גלייך נאכגעלאפען און האט זי ערשט געכאפט אויף'ן עק פון דער צווייטער גאס.

קינד מיינס, דבורקהלע, וואוהין געהסטו גאט איז מיט דיר!

אז דער טאטע וויל מיך דאך אין הויז ניט האבען וואו זשע זאל איך זיין, איך מוז מיר ערגעץ אן ארט געפינען וואו מיין קאפ אנצושפארען.

דבורקהלע האט זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען און איז מיט א געוויין געפאלען איהר מוטער אויף'ן האלז.

מוטער און טאכטער האבען ביידע געוויינט, אין דער זעלבער צייט האט טאמארע דבורקה'לען געפיהרט אין דער ריכטונג פון זייער הויז.

דער טאטע וויל מיך פערקויפען ווי מען פערקויפט א בהמה! האט דבורקהלע געכליפעט, ווייל דודל סמאלינסקים איז א גביר וויל ער איך זאל מיט איהם חתונה האבען. דער טאטע וויל אבער ניט וויסען דאס וואס סמאליאנסקים בן יחיד איז אן אבגעריסענער גולם. איך דארף ניט קיין געלד, אויב איך האב חתונה וויל איך א מענשען און ניט קיין געלד.

אבער טאכטער מיינע, דערמאהן זיך וואס פאר א שאנדע דו האסט אונז פערשאפט, די גאנצע שטאדט וועט דאך פון אונז ריידען, און חוץ דעם וועט דאך דער אלטער סמאליאנסקי ניט שווייגען, א קלייניגקייט מען האט פערשעהמט זיין בן יחיד. ער איז דאך געווען ביי אונז אין הויז און האט דא געווארט דריי זייגערנע שעה און דו ביזט ניט געקומען, קענסט דאך פערשטעהן וואס פאר א בלוט פערגיסעניש דאס איז פאר איהם געווען.

ווער זשע איז אין דעם שולדיג אויב ניט דער טאטע! איך האב איהם פריהער געזאגט אז איך האב סמאליאנסקים זעהן ניט ליעב און וועל מיט איהם ניט חתונה האבען.

(פארטזעצונג פאלגט)

אלט ניילאנד

ראמאן
פון טהעאדאר הערצל.

אויב איהר ווילט איז דאס
ניט קיין בבא מעשה.

(39־טע פארטזעצונג.)

„דאס זיינען ניט געווען קיין בערזען־שפעקולאנטען, מיסטער קינגסקאורט", האט דוד געענטפערט, — „דאס זיינען געווען ארענטליכע סוחרים, וועלכע האבען זיך בענוגענט מיט עהרליכע רווחים. דער אבמאך צווישען די קאפיטאליסטען און די ארבייטער, די קאלאניסטען, איז געווען ארענטליך און גוט פאר ביידע צדדים. זאל דער קאפיטאליסט זיין בטוח מיט זיין געלד, און זאל דער ארבייטער געזיכערט זיין פון זיין צד. ווען מען וואלט וועגען דעם זיך ניט געזארגט פון אנהויב אן, וואלט מיט דער צייט זיך ארויסגעוויזען, אז איינער פון די ביידע צדדים האט א עולה געליטען. אדער דאס פאלק וואלט בע'גזלט די רעכטען פון ד אקציאנערען, אדער די אקציאנערען וואלטען געמאכט פון קאלאניסטען א שקלאפען, א עבד כנעני. מען האט געזעהען אויסצומיידען סיי דאס ערשטע, ווי דאס צווייטע דאדורך, וואס מען האט אבגעמאכט צווישען זיך א קאנטראקט, אז נאך צעהן יאהר האבען די קאלאניסטען דאס רעכט אבצוקויפען די אקציען פון דער נייער געזעלשאפט. און זיי זיינען מחויב צו צאהלען פאר אקציען 20 מאל אזוי פיעל, וויפיעל עס טרעפט אן דער ריינער יאהריגער רווח אין דורכשניט פון די לעצטע פינף יאהר. דער צוואנציגפאכיגער רווח דארף אבער ניט ווייניגער בעטרעפען, ווי דאס גאנצע אקציענקאפיטאל צוזאמען מיט די צינזען".

דא האט אויך פריעדריך, ניט פעסט ביי זיך, דערוועגט זיך צו שטעלען א פראגע:

„מיר דאכט זיך, אז דאס איז א שווערע בעדינגונג. פון וואנען זאלען די אונבעמיטעלטע קאלאניסטען צוזאמענהארעווען אזא קאפיטאל, וואס זאל קענען דעקען אלע אקציעס?"

„פערשטעהסטו, מיין זון", האט קינגסקאורט פערענטפערט, — „איצט איז שוין פאר מיר די זאך קלאהר ווי יויך. אויב די קאלאניזאציע איז גאר אבגעלונגען, איז שוין קיין קשיא ניט פון וואנען זיי האבען גענומען דאס געלד. פאר א שותפישע חברה, וואס האלט אין בליהען, האט מען שוין געקענט קריגען א קרעדיט".

„אודאי", האט דוד געזאגט, „בשעת די שותפישע קאלאניסטען־חברה האט בעשלאסען אבצוקויפען די אקציעס, האט זי געליהען געלד אויף פיער פראצענט, זי האט געמאכט א פיערפראצענטיגע אנלייהע. און שוין דערמיט אליין האט זי געמאכט א גוט געשעפט. דער רייענר רווח פון פינפטען ביז'ן צעהנטען יאהר האט בעטראפען 10 מיליאן רובעל. בכדי אבצוקויפען די אקציעס האבען זיי געמוזט האבען לויט דעם קאנטראקט נאך 200 מיליאן רובעל. ווי באלד אבער זיי האבען זיך פערפליכטעט צו צאהלען דעם גאנצען ריינעם רווח פאר די נייע פיערפראצענטיגע אנלייהע, האבען זיי געקראגען 250 מיליאן רובעל און לויט דעם נאך איז ביי זיי איבערגעבליבען חוץ די אקציעס נאך ריינע 50 מיליאן רובעל".

„א ממזר'שע חברה!" איז קינגסקאורט שטארק נתפעל געווארען — „אבער ווי אזוי איז די אקציענגעזעלשאפט געקומען דערצו, צו פערדאפלען איהר קאפיטאל".

„הויפטזעכליך דאדורך, וואס דער מקח פון לאנדערד איז שטארק געשטיגען", האט דוד געענטפערט — „דאס וואס דער מקח האט זיך אזוי געהויבען האבען מיר נאר די קאלאניסטען צו פערדאנקען, און דעריבער האט מען געמוזט זארגען דערפאר, אז סוף כל סוף זאל דאס לאנד־ערד צו זיי געהערען. איצט זעהט איהר שוין, ווי עס איז פאמעליך איבערגעגאנגען די ערד אין די הענד פון דער גאנצען כלל קאלאניסטען. אויף די כלל־ערד איז די שותפישע חברה געווארען דער איינציגער בעל־הבית, און פון דאמאלס אן טראגט זי אויף זיך דעם נאמען „נייע געזעלשאפט".

דער ארכיטעקט האט זיך ווייטער צו־שריען:

„אונזערע טהייערע אורחים ווען אפשר ניט געפעהלען, וואס מיר האבען געהאט צו טהאן מיט אזעלכע מיאוסע זאכען, ווי אקציעס און דאס גלייכען. אבער מיר האבען זיך אנדערש ניט געקענט העלפען".

„אויב איהר האלט מיר פאר אזא חמור, האט איהר א גרויסען טעות" האט קינגסקאורט געענטפערט, — „איך בין ב"ה געווען אין אמעריקא, און האב געזעהן א לאקשענברעט. א אקציענגעזעלשאפט איז א טאפ, וואו מען קען אריינטהון גוטס און שלעכטס, וואס מען וויל. מען קען דאס אייגענע זאגען פון א פלאש, אז זי הויבט ניט אן צו טויגען, ווייל מען מיט שלעכטען שנאפס. אזעלכע קאלאניאל געזעלשאפטען האט מען שוין אויך געקענט אין דער וועלט געשיכטע. עס זיינען געווען חזר'שע, אבער עס זיינען אויך גוטע געווען. די אסטאינדישע קאמפאניע איז געווים ניט געווען קיין שלעכטע חברה. אין אייער נייער געזעלשאפט געפין איך נאך דערצו די מדה טובה מיטצופיהלען מיט'ן כלל, צו ארבייטען פאר'ן כלל. אט, למשל, וואס אלץ כמעט איז ביי אייך א שותפישע אונטערנעהמונג . . . לאמיר אבער דערווייל הערען, וואס איז ווייטער געווען. עפענט איהם, זייט מוחל, ווייטער אויף זיין בלעבערנע געמבע".

.3

דוד האט ווייטער אנגעשטעלט דעם פאנאגראף און פון דער רעהר. וואו עס פערשטארקט זיך דער קול, האט זיך דערהערט דזשאע'ס שטימע, וועלכע האט איבערגע'חזר'ט די פריהערדיגע לעצטע ווערטער:

„מען האט אויסגעקליבען דירעקטארען פון דער נייער געזעלשאפט, און זיי האבען מיר געמאכט צום הויפט פיהרער אויף פינף יאהר. אויף די ערשטע הוצאות האב איך געקראגען א קרעדיט פון 10 מיליאן רובעל. איינער פון מיינע אינזשעניערען האט געמיינט, אז עס איז צו ווענינ. אויף א אנהויב אט דאס אבער געקלעקט. איך האב אויסגעארבייט מיין פלאן. עס איז דאמאלסט געווען חשון־צייט. נאך די ווינטערדיגע רעגענס האב איך געוואלט אנהויבען די מאסען איינוואנדערונג לויט דעם בעשטימטען סדר. עס איז מיר געבליבען אין גאנצען פיער חדשים צייט, און איטליכע מינוט איז מיר געווען טהייער.

פריהער פאר אלץ האב איך איינגעארדענט אין לאנדאן מיין הויפט קאנטאר פאר די אויסוואנדערונג, געמאכט נאך פערשיעדענע אבטהיילונגען און אוועקגעזעצט אויף יעדער אבטהיילונג א דירעקטאר. די דירעקטארען האב איך אויסגעקליבען פון מיינע בעקאנטע פעהיגע מענשען, אדער פון די, וועלכע האבען געבראכט מיט זיך גוטע אטעסטאטען. סמיט איז געווען דער דירעקטאר פון טראנספארט פון די איינוואנדערער. ריבענץ — פון פראכטען, שטיינעק — פון בוי־מאטעריאל און פאסטראיקעס (בוי־אנגעלעגענהייטען), — ווארשאווסקי האט צו טהון געהאט מיט קניות פון מאשינען, אלאדינא — מיט קניות פון לאנד און פלעצער, קאהן און ברוינשטאק האבען געדארפט זעהען, אז עס זאל די ערשטע צייט קיין לעבענסמיטעל ניט פעהלען, האמבורגער איז געווען דער דירעקטאר אין ענין פון זוימען און בוים־פלאנצונגען. לעאנקין האט געפיהרט די קאסא־ביכער א. ז. וו. וועלנער איז געווען מיין הויפט סעקרעטער, מיין ערשטער מיטהעלפער און הויפט אינזשעניר איז געווען פישער, וועלכער איז שוין צום אונגליק געשטארבען. דאס איז געווען א געהויבענער, ערנסטער און הייסער מענש. מיר וועלען קיינמאל ניט אויפהערען צו טרויערען אויף איהם.

צוערשט האב איך אלאדינא געשיקט קיין פאלעסטינא, אז ער זאל אנקויפען ערד וויפיעל ער וועט נאר קענען. ער איז געווען א שפאניאלישער איד, וועלכער האט גוט געקענט אראביש און גריכיש, א קלוגער מענש, אויף וועלכען מען האט זיך געקענט פערלאזען מיט א רוהיגען געוויסען. ער האט אבגעשטאמט פון יענע שטאלצע אידען, וועלכע האבען געלעבט אין שפאניען נאך פאר דער פערטרייבונג און זיין לוח היוחסין איז דערגאנגען ביז צו אברבנאל'ס צייטען. איידער מען האט נאך פערעפענטליכט דעם טשארטער איז דער מקח אויף ערד אין פאלעסטינא געווען א מעסיגער. איך האב זיך פערלאזען אויף דעם שטילען אלאדינא. אז קיין ממזר'שער קאפ וועט זיך ניט כאפען, צו וואס ער קויפט אזוי פיעל ערד. די קניות זיינען, פערשטעהט זיך, געגאנגען אויף א אנדער קאנטא פון דער נייער געזעלשאפט. דארויף האט מען געזעצט 20 מיליאן רובעל. פאר דעם דאמאלדיגען מצב אין פאלעסטינא איז דאס געווען זעהר א גרויסער קאפיטאל. און אזוי ווי איך האב אבגערעדט ביי'ן אבמאך פון טשארטער מיט דער טערקישער רעגיערונג, אז ביז צו א געוויסע צייט זאל די גרענעץ נאך בלייבען פערשלאסען פאר עמיגראנטען, בין איך בטוח געווען, אז די עמיגראציע וועט זיך ניט אנהויבען מיט דער מהומה פון צעהנדליגער טויזענדער אנגעלאפענע עמיגראנטען.

אין מיין ביורא איז געלעגען א לאנדקארטע פון פאלעסטינא, וועלכע איז געווען קליין געקעסטעלט און איטליך קעסטעל מיט א נומער פערצייכענט. א בעגויע קאפיע דערפון האט מיטגענומען אלאדינא. ער האט מעהר ניט ווי געדארפט טעגליך צו טעלעגראפירען די נומערען פון די שטיקער ערד וואס ער האט געקויפט, און איך האב טעגליך געוואוסט, וויפיעל און וואס פאר א לאנד מיר האבען שוין, און לויט דעם נאך האב איך שוין געקענט מאכען נייע ווייטערע ראספאראזשעניעס (דיספאזיציאנען).

(פארטזעצונג פאלגט.)

דער בעסטער סימן

אז אדווערטייזמענטס אין „זשורנאל" ברענגען גוטע רעזולטאטען איז דער פאקט, וואס ווער עס דארף אן ארבייטער, ווער עס האט א ביזנעס צו פערקויפען, ווער עס זוכט א פארטנער און ווער עס האט א הויז צו פערקויפען אדער צו פערענטען — אדווערטייזט עס אויף דער.

וואנטעד פיידזש
— פון —
אידישען זשורנאל

גיט א קוק אויף די וואנט קאלומס פון „זשורנאל" און איהר וועט זעהען, אז מיר דרוקען יעדען טאג פיעל וואנט עדס. דאס איז דערפאר, ווייל דער „זשורנאל" איז די איינציגע אידישע צייטונג, וואס ווערט געדרוקט אין אנטאריא, ווייל זי ערשיינט גאנץ פריה, גלייך מיט אלע ענגלישע פייפערס און ווייל אן אדווערטייזמענט, וואס ווערט אונז געגעבען ביי נאכט, ברענגט רעזולטאטען גלייך אויפ'ן נעקסטען פריהמארגען.

אז איהר דארפט ארבייטער, אז איהר ווילט פערקויפען א ביזנעס, אז איהר זוכט א פארטנער, אז איהר האט א הויז צו פערקויפען אדער צו פערענטען, אדווערטייזט עס אין „זשורנאל".

די ווייסע פעדער

דער ערפאלג פון דריי קאנטינענטען ענגלאנד, אמעריקא און אויסטראליען, די ווייסע פעדער, א פיעסע וואס האט געהאט א גרויסען ערפאלג לעצטען קעזאן אין טאראנטא קומט מאנטאג ווידער אין דער אלעקסאנדרא. אין לאנדאן שפיעלט מען שוין דיזע פיעסע דאס צווייטע יאהר אין ראיאל טהעאטער און אין ניו־יארק האט מען זי געשפיעלט א גאנצען יאהר אין קאמדי טעאטער און אין ביידע פלעצער מיט גרויס ערפאלג.

אין אויסטראליען שפיעלט זי שוין א האלב יאהר.

דאס איז א מעלאדראמאטישע קאמעדיע וועלכע האט ניט קיין איינציגע מינוט וואס זאל ניט זיין העכסט אינטערעסאנט.

די געשיכטע קומט פאר אין א האטעל אויף'ן ענגלישען ברעג אין דער צייט ווען ענגלישע טרופען ווערען טראנספארטירט אויף'ן קאנטינענט.

א גרופע דייטשע ביטרע שפיאנען נוצען דיזען האטעל אלס א פלאץ וואו זיי טרעפען זיך.

זיי זוכען צו קריגען אויסקינפטע און זיי איבערגעבען צו די דייטשע בעאמטע אויף'ן קאנטינענט. די ענגלישע דעטעקטיווס ענטדעקען דאס אלעס.

די פיעסע הייסט "די ווייסע פעדער", ווייל ווי בעוואוסט, איז א ווייסע פעדער דער צייכען פון פייגהייט, און אין דיזער פיעסע איז פאראן א לעבעדיג ווייבעל, וועלכע גיט אזא פעדער א מתנה יעדען יונגען מאן וואס איז ניט געגאנגען אין דער מלחמה.

די פיעסע געפעלט אלעמען. עס איז דארט גאר ניטא וואס זאל זיין געגען אייגעמס געפיהלען.

קורץ, זי איז אינטערעסאנט און זעהר שעהן.

הודעה מהרב מאיר צבי לעוי 108
באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6903.

איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים דהיינו שאלות, דין תורות, עצות, טובות בין איש לאיש, אויך צו סעטלען אלערליי טראבעלס ביטווין מאן אונד פרוי נאכ'ן אידישען דין און אויך סדרי קדושין. ווארום זאלט איהר אין אזא שלעכטער צייט אוועק ספענדען אומזיסטע געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען חופה וקדושין ביי מיר אין הויז מיט די בעסטע צופרידענהייט, אפילו מעריד'זש לייסענס וועל איך אייך פערזארגען. גאט וועט אייך געבען א גוטען מזל אין מיין הויז.

קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם אויבענדערמאהנטען אדרעס.

פערלאנגט ביי אייער גראסערי
און הארדוואר סטאר.

SHINO
No. 9
STOVE POLISH
EDWARD HAWES & COMPANY
TORONTO

שיינא סטאוו פאליש
— ווי אויך —
סיטפלעקס שוהפאליש

יק"א פאדערט צו שיקען בלויז רעדזשיסטרירטע בריעף אין רוסלאנד

אקיי בעל פון לאנדאן מעלדעט, אז די יק"א אין פעטראגראד האט פערעפענטליכט אן ערקלעהרונג, וואו זי זאגט, אז דאס געלד, וואס ווערט געשיקט פון אמעריקא קיין רוסלאנד, קומט ניט אן צוליעב דעם, וואס די אמעריקאנער פריינד שרייבען פאלש די אדרעסען. גרויסע סומען געלד זיינען שוין אויף אזא אופן פערלוירען געגאנגען.

די יק"א ווארנט דעריבער, אז בריעף זאלען געשיקט ווערען רעדזשיסטרירט.

(דער אדרעס פון דער יק"א איז: יעווריסקאיע קאלאניזאציאנאיע אבשטשעסטווא, אפיצערסקאיא, 60, פעטראגראד).

— נאטיס —

מיר ווינשען בעקאנט צו מאכען דעם אידישען פובליקום, דאס מיר האבען געעפענט אונזער

בייליפס אפפיס
אין
107 ארעלייד סטריט, וועסט.

אונטער די אויפזיכט פון בראונשטיין און וואלש די איינציגע אידישע בייליפס אין דער שטאדט.

מיר עקזעקיטירען ווארענטס און קאלעקטען רענטס א. ז. וו. אונזערע טערמס זענען ריזאנאייבל און ריטארנס ווערען פונקטליך געמאכט.

בראונשטיין און וואלש, פראפרייטארס.
טעלעפאן ארעלייד 3607.

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע פריינדע און פאטראנייזער פון טאראנטא און אומגעגענד דאס איך אטענד צו ברית'ן און חתונות ווי אימער מיט די בעסטע צופריעדענהייט. איהר קענט מיר טעלעפאנירען אין הויז ווי אויך אין מיין שיפס־קארטען קאנטאר און איהר ווערט זיכער צופריעדען געשטעלט ווערען ווייל מיין נאטור קענט איהר אלע איז צופריעדען צו שטעלען יעדען איינעם אויף'ן בעסטען ארט.

מיין אדרעסע איז 166 דזשאהן סט. טעלעפאן אין הויז ארעלייד 1545 און אין אפיס אדלייד 239.

רעוו. מ. קאפלאן
מוהל ומסדר קידושין
איך גיב מערידזש לייסענס פריי.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY

באנעווענטשור, יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד
געהט אב 7.25 נאכמיטאג
טעגליך

מאריטיים עקספרעסס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס
סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
מאסטרעא, און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידנים
פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן איידזשענט
51 קינג סטריט איסט. טאראנטא. מיין 554

TERDIMAN'S
כשר

כשר סאסעדזש

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס. ווארשט. סאלאמא. פאסטראמא. צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל
טערדימאנ'ס כשר סאסעדזש
מיט'ן רויטען לייבעל.
266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל.

א לאקערניא ערעפענט!

מיר מאכען אויפמערקזאם בעקערס, פעדלערס, עקספרעסמען און שעפער און אויטאמאביל אייגענטהימער, דאס מיר האבען ערעפענט א שאפ פאר פיינטען, ווארנישען און לאקירען אויטאמאבילס, וועגען, קערידזשעס א. א. וו.

אין 110 ד'ארסי סטריט
אכטונגספאלל
די מ. ה. ק. ד. קאמפאני

חזן מאנאוויטש
פון מעקאל שוהל
מוהל
ומסדר קדושין
233 Beverley Street
Phone College 2033

כשר און ביליג און גוט

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסעריס און אייגנעס פראלארס און רעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע ווארען ווערען פערקויפט בילינער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעיס. און איהר בעראפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעסט. דאס זיינען די ווארעס: ווארשט, וויענערס קארנדביעף, באלאניע.

ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט

משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן ארעל. 1559

דר. מ. פיווניק
.:. דענטיסט .:.
קאר. קווין סט און ספאדיינא עוו.
טעלעפאן ארעלייד 4967
[illegible]
Dr. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2

מ. מ. דייווים
פאבליק אדיטאר
אדיטינג, סיסטעמאטייזינג אינוועסטיגיישאן.
350 קאלידז סט. טאראנטא
טעלעפאן קאלידז 7632

Toronto Wet Wash Laundry
Co. Limited

פערלירט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.
דעמפ 30 פונט — 75 סענט. ראפ טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.

291 Arthur St.
Phone: Parkdale 5280 5281

קאנטאר וואלאדאווסקי האט געמופט
אין 62 בראנזוויק עוועניו.
דער טעלעפאן נומער איז דער זעלבער, וואס עס איז געווען.
דער גרעסטער אנטיסעפטיק
מוהל
און דער מאדערנסטער
מסדר קדושין אין טאראנטא

איז
קאנטאר וואלאדאווסקי

רופט מיך און איבערצייגט אייך.
קאנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.
פיר ארימע אומזאנסט.

טאראנטאר אידען

סייפט 75 סענטס און איין דאלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראף דריי; אייערע העמדער און קאללארס לעבען לאנג און זעהען אויס קלאהר און שעהן ווען זיי ווערען אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד

TABER LAUNDRY WORKS
444-46 Bathurst St.
Phone Col. 5143 8333

סטאוס, ריפערינג, און פורניטשער —
צו בילינע פרייזען
מאכט נייע און קויפט רענדזשעס
WESTWOOD BROTHERS
635 St. Queen W. Phone Adel. 1518

די פראזי סטארעדזש און
קארטעדזש קא. לימיטעד

הויפט אפיס 255 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן: קאל. 386. מיין 5237
ספעריים רום סיסטעם פאר האלטען פארניטשור
אויסגעבעטע וועגען. גוטע און אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייטען צו מופען אדער סטארינג הויז זאכען און סחורה. עקספערטע פעקערס. באגגעדזש טשעק די אלע פעקינג מאטיעלס בעזארגט. גוטע בעהאנדלונג און בילינע פרייזען.

ספעריים רום סיסטעם.
די וויליאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס
368 ספע יינע עוו. טאראנטא, אנט.
באגאזש, פיאנאס און אלע פארטען פארניטשור געמופט און געסטארד צו די בילינסטע פרייזען. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט פון עקספערטע לייט.
ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט.
צונערעקטע וועגען. פלעזשור פליעס.
ל. י. רעדפערן.

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און [illegible]
DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

ריעגען און לע ווערנוא
בארריסטערס א. א. וו.
מעננינג טשעמבערס רום 112 ערשטער פלאר, טעלעפאן עדלייד 2436
REGAN& LE VERNOIS
BARRISTERS &C.
Manning Chambers,
Room 112, First Floor
Telephone Adelaide 2436

ווארשעווער אקושארקע
ענע ראמאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן ערלייד 1543.

פיר שמחות
ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמע
דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט. פאן מיין 106
א פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק.
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

אברהם קאהען
בארריסטער
נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פיר נעהמען אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. Junction 1545

ONTARIO LAUNDRY CO. Ltd

זי — מיין לונדערי־וואש בעקומט די בעסטע אויפמערקזאמקייט.
ער: — יאס און מיינע העמדער און קאללארס בעקומען די שענסטע באהאנדלונג און אויסקוק וועלכע געפעלט מיר זעהר שטארק.
אנטעריא לאנדרי קא. לימיטעד
97 ערוואורד סט. טעל. מיין 4821

די געלעגענהייטען פון ניו אנטעריא

[illegible]

ה. א. מעקדאנעלד
דירעקטאר פון קאלאניזאציאן
פארלאמענט בילדינג
טאראנטא אנטעריא

פערלאנגט

פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פערלערנען זיך איינינע וואכען בלויז. שטעלע גאראנטירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.

The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4882
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913
ALLIED PRINTING TRADES COUNCIL UNION LABEL TORONTO 110

קאנווענשאן פראגען

— 3 —

מיר טרעטען צו צו די הויפט - פראגען וועלכע דארפען פון דער קאנווענשאן בעהאנדעלט ווערען.

מיט וואס פאר א פראגען וועט זיך די ערשטע קאנווענשאן פון די קאנאדער אידען בעשעפטיגען?

אויף דעם קען געענטפערט ווערען נאר דאן, ווי אזוי מען קוקט אויף דער קאנווענשאן.

פארהאן אזעלכע, וועלכע געהערען אגב צו איין קלאס, וואס גיבען פאלגענדען ענטפער; די קאנאדער אידען קענען זיך צוליעב פאליטישע טעמים ניט בעטהייליגען אינ׳ם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס, מוזען זיי דארום מאכען שבת פאר זיך. דער קאנווענשאן פון די קאנאדער אידען דארף זיין דאס זעלבע ווי דער קאנגרעס פאר די אמעריקאנער אידען. אנדערש הייסט עס אז די קאנווענשאן ווערט גערופען בלויז צוליעב דעם פאליטישען ארויסטריט צו גונסטען אונזערע רעכטלאזע ברידער.

די וואס פאסען אזוי אויף די קאנווענשאן, האבען דארום ארויסגערוקט אין דער „פאר - פעראייניגונגס" עפאכע א גאנצען בארג מיט טענות געגען דעם פערבאנד, ווייל ווי קומען „גרינע אידען" צו פאליטיק. נאך אלעמען איז דיעזעס דאך געוועזען דער הויפט - מאטיוו, וואס די זאגענאנטע „פני" האט געהאט ארויסצוזעצען געגען דעם פערבאנד.

אויב די אויפגאבען פונ׳ם קאנאדער אידענטהום אינ׳ם יעצטיגען מאמענט דארפען זיך אויסדריקען בלויז אינ׳ם פאליטישען ארויסטריט, וואלט דאך קיינמאהל קיין פערבאנד ניט געגרינדעט געווארען, און אויב עס איז טראץ אלע שטערונגען דאך צום לעבען גערופען געווארען, עקזיסטירען דאך געווים אנדערע אורזאכען אויך, וועלכע בערעכטיגען זיין עקזיסטענץ.

דער טעות, וואס יענע אויפפאסער בעגרייפען ניט די גאנצע וויכטיגקייט פונ׳ם מאמענט, איז דאס וואס זיי פאסען איהם ניט אויף אין זיין גאנצער גרויסקייט.

די קאנווענשאן פון די קאנאדער אידען ווערט גערופען ניט נור צוליעב די מלחמה - קרבנות, נאר אויך צוליעב די אינטערעסען פון די קאנאדער אידען זעלבסט. אמת איז, אז די קאנווענשאן וועט דארפען אנצייכנען דעם וועג, ווי אזוי דער פאליטישער ארויסטריט פאר אונזער אונטערדריקט פאלק זאל פון קאנאדער אידען געמאכט ווערען, זי וועט אבער אויך דארפען לעגען דעם שטיין פאר א פעראייניגטען פערבאנד פון אלע קאנאדער אידען, און אט דיעזער פערבאנד איז ניט נאר נויטיג פאר די געליטענע פון יענער זייט ים, נאר פיעל מעהר פאר אונז זעלבסט.

ווען מיר האבען די גאנצע צייט אגיטירט פאר שלום, פאר איין קאנווענשאן פון אלע קאנאדער אידען, איז עס געוועזען בלויז צוליעב דעם, ווייל פאר דיעזער היסטארישער קאנווענשאן מוזען אויסגעשטעלט ווערען צוויי הויפט פראגען, וועלכע יעדע איינע וועט זיך צוטהיילען אין פיעלע פרטים. ערשטענס, וואס קען דער פערבאנד פון די קאנאדער אידען טהאן פאר די מלחמה ליידענדע אידען פאליטיש אזוי גוט ווי מאראליש און פינאנציעל, און צווייטענס וואס קען און דארף דער פערבאנד טהאן פאר די קאנאדער אידען זעלבסט.

* * *

ווי אזוי קענען די קאנאדער אידען העלפען זייערע רעכטלאזע ברידער דורך א פאליטישען ארויסטריט.

עס איז קיין פראגע ניט, אז דא קענען מיר האנדלען בלויז האנד אין האנד מיט די אמעריקאנער אידען, אבער ניט צוזאמען.

דער פאליטישער ארויסטריט מוז זיין קודם כל אן ארויסטריט פון בירגער, און דאס קענען מיר טהאן, ווען מיר וועלען האנדלען אלס קאנאדער בירגער און ענגלישע אונטערטהאנען.

עס קען ניט זיין קיין פראגע פון לאיאליטעט, ווי מאנכע ווילען איינשמועסען דעם עולם.

די קאנאדער אידען זענען לאיאל צו ענגלאנד, צו דער זעלבער צייט, קענען מיר אבער ניט און טארען ניט פערזעהן דאס, ווי אזוי ענגלאנדס שותפ׳טע — רוסלאנד שטיקט און דריקט א גאנץ פאלק — זיעבען מיליאן אידען.

מיר זענען טריי ענגלאנד, מיר זענען אבער אויך טריי אונזערע שוועסטער און ברידער, און מיר מוזען אויסנוצען יעדע געלעגענהייט צו העלפען זיי.

די ערשטע קאנווענשאן פון די קאנאדער אידען, מוז און דארף הויך אויפהויבען איהר פראטעסט שטימע געגען אונזער „עלליי" רוסלאנד, וואו עס ווערען אויפ׳ן בעפעהל פון דער צארישער רעגיערונג בעגאנגען די גרויזאמסטע פערברעכענס געגען דעם אידישען פאלק.

ניט בעטען, נאר פאדערען, אויפוועקען דאס גאנצע לאנד געגען די „קאזאצקע מעשים", דאס מוז דער ערשטער קאנאדיש אידישער צוזאמענקונפט טהאן.

אויפהויבען א פראטעסט - בעוועגונג געגען דער צארישער גרויזאמקייט, ארגאניזירען א ברייטע הילף פאר די מלחמה קרבנות איבער׳ן גאנצען לאנד, פאדערען פון דער ענגלישער רעגיערונג דורך דער פערמיטלונג פון דעם קענעדער קאבינעט צו שטעהן פאר אידישע רעכט, אין דעם דארף זיך אויסדריקען אונזער הילף אינ׳ם יעצטיגען מאמענט פאר די מלחמה - געליטענע און רעכטלאזע.

ארבייטען פאר פריי איינוואנדערונג אין קענעדע, גרינדען די נויטיגע ביוראס פאר עמיגראציאן, אונטערזוכען די קאלאניזאציאנס מעגליכקייט פאר די אידישע צוקונפטיגע עמיגראנטען, שאפען אלע נויטיגע אינסטיטוציעס, אין וועלכע אלע אידען פון קאנאדע נויטהיגען זיך, פעסטשטעלען דעם פערבאנד, און ארגאניזירען איהם אויף אזא באזיס, אז אלע אידען אהן אונטערשיעד, זאלען אין איהם קענען זיין אנגעשלאסען — דאס דארף זיין די צווייטע וויכטיגע ארבייט מיט וועלכע די קאנווענשאן וועט זיך מוזען בעשעפטיגען.

* * *

דורכפיהרען דיעזע אלע ארבייטען, קען נאר א צוזאמענפאהר פון אלע קאנאדער אידען.

עס מוזען זיך דארום אלע אנשטרענגען, אלע סאסייטיס און געזעלשאפטען אונזערע, צו זעהן צו זיין פערטראטען ביי דיעזער קאנווענשאן ניט דורך „פראקסיס" נאר דורך פאקטישע פערטרעטער. ערשט דאן וועט די שטימע פון דיעזער קאנווענשאן זיין די אמת׳ע שטימע פונ׳ם פאלק, און די בעשלוסען, וועלען ניט בלייבען בלויז אויפ׳ן פאפיער, נאר וועלען געשטיצט ווערען פון די אנגעזאמעלטע כחות פון די קאנאדער אידען.

געווים, קענט איהר

"SALADA"

איז בלי ספק די עקאנאמישסטע און ווייזט זיך נאכהער ארויס איינבריינגעריש אין געברויך. די פרישע יונגע בלעטלאך פון „ס א ל א ד א" וועלען אריינברענגען מעהר ווערטה פאר אייער געלד.

די ליעבע צום פאטערלאנד

(געשריעבען ספעציעל פאר׳ן „אידישען זשורנאל".)

פון אב. גאלדבערג.

פאר יעדן איינציגן אידען איז דאס אידישע פאלק אין זיין געזאמטהייט זיין פאטערלאנד — ערקלעהרט ערגעץ וואו שאפענהויער.

שאפענהויער, ווי אלע אנדערע דענקער פון די אומות העולם, האט די פראגע: „ווי אזוי לעבט דאס אידישע פאלק אהן א לאנד, אהן א שטיץ-פונקט?" ניט קיין רוהע געגעבען. דאס אידישע פאלק איז איינענטליך פאר דער וועלט מעהר רעטענים ווי עס איז פאר זיך אליין. די וועלט בעטראכט אונז אלס א וואונדערבארען פענאמען אלס א אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג, וועלכער עס פעהלט איין ערקלעהרונג.

ווי אזוי לעבט דאס אידישע פאלק? פאר די רעליגיעזע קריסטען איז דא א גרייטער תירוץ: גאט האט דאס פאלק געשאלטען, ווייל עס וויל זיין משיח׳ן ניט אנערקענען. דער עם-סגולה האט זיך פערזינדיגט און ער איז דעריבער נע-ונד ווי קין אויף דער וועלט, גור טראגט ער ניט גאט׳ס צייכען אויף דעם שטערן און דעריבער מעג, ווער עס וויל, איהם הרג׳ענען.

פאר די ניט-אידישע געלעהרטע און פריידענקער איז אבער די עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאלק תמיד א פראבלעם און א חידה. אידען האבען אפילו, ווען זיי האבען געלעבט איינגעשלאסען אין דער גהעטא, ניט געלעבט אין גאנצען אבגעזונדערט. דורך פערשיעדענע „צנורות" האט זיך ארויינגעריסען די אידישע השפעה אין דעם לעבען פון די פעלקער. די אידען האט מען געפיינט, מען האט אן זיי זיך ניט געקענט פערגעסען. עס איז דער אידישער תנ״ך וואס האט אזא גרויסען איינפלוס אויף זייערע קולטורעלען לעבען: עס איז, דער אידישער תהילים וואס ווערט געזונגען און אין וועלכען דער מענש לעדיגט אויס זיין שווער געמיטה און האט התדבקות מיט דער העכערער קראפט, און דאס אידישע פאלק האט אימער געריצט די פאנטאזיע פון די פעלקער. מען קען מיט זיכערקייט זאגען, אז די פעלקער האבען ניט איין בעדייטענדען דענקער, וואס האט זיך ניט אבגעשטעלט אויף דער זאנדערבארער פראגע, אויף דער אידען-פראגע.

דער געוועהנליכער אידישער אינטעליגענט פיהרט אויך אין דעם ענין די בערי׳מטע שטרוים-פאליטיק. ער איגנארירט די פראגע און מיינט אז מיט דעם האט ער זי פערענטפערט.

אין דער אידישער גאס אין רוסלאנד האבען אפילו געקענט ענטשטעהן פארטייען, וועלכע האבען ערקלעהרט, אז די אידישע פראגע איז ניט מעהר ווי א טהייל פון דער אלגעמיינער רוסישער פראגע. געוואלט האבען זיי דאס רעטעניש מיט דעם איינפאכען ז׳עקען, דאס הייסט דאס אונמעגליכע טהאן, איז דאס טאקע געוועזען לעבערליך.

די וועלט פערענטפערט אבער ניט קיין פראבלעם מיט א חקירה א פראבלעם רופט דארט ארוים רעגונגען, ליידענשאפטליכע זוכונגען און זעלע אונרוהע.

דר. פינסקער אין זיין „אויטא עמאנציפאציאן", ערקלעהרט, אז די אידען זיינען פאר די פעלקער א פסיכאז, א נשמה אהן א גוף, א געשפענסט, וואס שרעקט זיי, א שאטען וואס ווארפט אויף זיי ארויף אן אימה. דאס איז טאקע ריכטיג, דאס איז אבער נאך ניט אין גאנצען, ווייל ריכטיג איז אויך, אז ניט נור שרעקט זיי דאס אידישע פאלק, נור אויך רייצט זייער נייגערדע, איז פאר זיי א פראבלעם, פאר וועלכען זיי זוכען אן ענטפער.

שאפענהויער, אין יענעם ציטירטען ווערטעל, זוכט טיילוויי אויפצודעקען די רעטענים, אבער זיין ענטפער ווייזט נור אויף אן אמת׳ע ערשיינונג, וועלכע איז ריכטיג אן און פאר זיך, זי פערענטפערט אבער ניט די פראגע.

דאס גאנצע פאלק, דער אידישער כלל, איז פאר יעדען איינציגען אידען זיין פאטערלאנד. גאנץ גוט. און וואו איז דאס פאטערלאנד פאר דעם גאנצען פאלק? דער איינציגער געפינט א שטיצפונקט אין דער עקזיסטענץ פון פאלק. די עקזיסטענץ פון פאלק איז אליין פאראויסגעזעצט. און ווי אזוי האט דאס פאלק געלעבט אהן א פאטערלאנד?

און דא קומען מיר צו אונזער פונקט וואס מיר ווילען דא ארויסברענגען. די דענקער פון אנדערע פעלקער האבען, נאך אלעמען, טראץ דעם וואס זיי האבען דאס אידישע פראבלעם טיעף פערשטאנען — האבען זיי דאך פערזעהען א פאקטאר וואס האט אהן ספק געשפיעלט די גרעסטע ראלע אין דעם אויפהאלטען פון דעם אידישען פאלק, דאס איז עטוואס, וואס מיר אלע, ווי מען זאגט „אין דער היים" צווישען אונז ווייסען פון דעם גאנץ גוט. די וועלט אבער ווייס ניט פון דעם. מיר מיינען דעם פאטריאטישען געפיהל, וואס לעבט אין דעם אידישען פאלק, די ליעבע צו זייער לאנד.

געוועהנליך איז דער פאטריאטיזם, די ליעבע צום לאנד, פערבונדען מיט „פאטריא", מיט דעם לעבען אויפ׳ן אייגענעם לאנד, מיט דעם וואהנען דארטען. אין א פאלק וואס וואנדערט פון לאנד צו לאנד, וואס פערמאגט קיין לאנד, האבען די ניט - אידישע דענקער זיין פאטריאטיזם פערדעכטיגט. און דאס איז זייער טעות.

די אידען האבען טאקי זייער לאנד ניט געהאט און דארט ניט געלעבט. זיי האבען אבער דאך איהר ניט וויינינגער ליעב געהאט. דער פייער פון ליעבע האט אמאל העלער און אמאל דונקעלער געפלאקערט, ער איז אבער אימער געוועזען, און אט די ליעבע איז פאר זיי געוועזען א עפיהל פון דער פערגאנגענהייט אין איהם עלעבט און איהם געשיצט פון אונטערגאנג, פון דעגענעראציאן.

עס איז דאך מערקווירדיג, אין דער צייט ווען דאס פאלק, אבגעריסען פון ערדישע תענוגים, האט אליין אין הימעל-זאכען פערוואנדעלט, מיט סודות איינגעהילט, ווען אויך דער שיר-השירים איז געווארען א דועט געזאנג צווישען די כנסת ישראל און דעם רבש״ע, איז דאך דער פאטריאטישער געפיהל, די ליעבע צו לאנד געבליבען א געזונדער, א פשוט׳ער, אן איינפאכער און פריי פון מיסטיק.

דער איד האט געבענקט נאך די הויכע בערג לבנון און חרמון, נאך די טענענבוימער און פאלמען, געבענקט נאך דער פרייער ערד, ווי עס וואלט בענקען נאך דעם יעדעס אירדישעם קינה.

עס איז א מערקווירדיגע ערשיינונג. דאפיר וואס די אידען האבען פערלוירען זייער לאנד און האבען פיעלע לענדער בעזוכט און אונטער פיעלע קלימאטען געלעבט, אינטער פערשיעדענע צושטענדע און לעבענסארטען עקזיסטירט און זיך אקלימאטיזירט, האבען זיי די ערשטע בעגריפען דעם תמצית פון קאסמאפאליטישען געדאנק.

אידען האבען דאך געוואנדערט פון זייער פאטערלאנד נאך איידער זיי זיינען אין גלות פערטריעבען געווארען. דעם ערשטען שריט פאר קאסמאפאליטיזם האבען געמאכט די אלעקסאנדריער אידען ווען זיי האבען געלאזט איבערזעצען דעם ביבעל אין גריכיש. דא האבען זיי דעם ערשטען שריט פאר דערנעהנטערונג פון פאלק צו פאלק געמאכט, אין האבען טהיילוויז די הייליגקייטען און אייגענטהימליכקייטען פון דעם אייגענעם פאלק צו חולין געמאכט — ניט אומזיסט דערצעהלט אונז די לעגענדע, אז אין דעם טאג פון דער איבערזעצונג, האט די ערד געציטערט. די אידען וואס האבען נאך אין ארץ ישראל געלעבט, האבען ניט געקענט ליידען ווארום מען האט זייערע הייליגטהימער ענטבלויזט, מיט פראסטע מעכאנישע הענד זיך מיט זיי גע׳עוסק׳ט.

אידען זיינען אלענפאלס געוועזען די ערשטע וואס האבען קאסמאפאליטיזם געפראקטיצירט אין לעבען. „די גאנצע וועלט איז איין פאטערלאנד" — איז פאר זיי געווען די לעבענס-מאטא. אין דער לעצטער צייט זיינען די גרעסטע פערשטעהער פון דעם קאסמאפאליטישען געדאנק געוועזען אידען. ניט האבענדיג אליין קיין לאנד, ניט זייענדיג פערבונדען אינערליך און ארגאניש מיט די לענדער וואו זיי וואהנען, אריינגעצויגען בלויז מעכאניש אין דער פרעמדער קולטור, האבען די אינטעליגענטע אידען לייכט געקענט אויפבויען די קאסמאפאליטישע שטה, וואס די ניט-אידען האבען באין אופן ניט געקענט אויפנעהמען. דער בעגריף האט זיי געמוזט פרעמד בלייבען, ווייל ער האט סותר געווען א געזונדען אינסטינקט, וואס לעבט ביי זיי טיעף אין הארצען און שלאגט מיט א קוואל פון בעגייסטערונג.

דאך, וועהרענד די אידען האבען אלס פאלגע פון זייער גלות דער וועלט געגעבען קאסמאפאליטען, איז אבער דער המון געוועזען פאטריאטיש, און די אינטעליגענץ, וואס פערבינדעט איהר גורל מיט דעם אידישען פאלק, איז אויך אימער פאטריאטיש געשטימט.

אלע פרייהייטס-בעוועגונגען אונטער אידען האבען צו פערדאנקען דעם געזונדען אינסטינקט, וואס איז ניט פערניכטעט געווארען אין קיין דור און אין קיין צייט, ווייל א געזונדער אינסטינקט איז אימער דער פאטער פון נייע געזונדע אינסטינקטען. און די אלע, וואס דער פאטריאטישער אינסטינקט האט געלעבט אין זיי אם שטארקסטען, האבען אויך דאס יודענטהום אם אויפגעפאסט אם געזונדעסטען, האבען זיינע געזונדע יסודות אויפגעדעקט און דעם טפל פון עיקר אבגעטהיילט.

צווישען די וואס האבען דאס יודענטהום אם טיעפסטען פערשטאנען, זיין אמת׳ען מקור אנגעשלאגען, שטעהט ר׳ יהודה הלוי. דער וואס האט ערקלעהרט, אז „אני במערב ולבי במזרח" — איך בין אין מערב נור מיין הארץ איז אין מזרח, — דער איז אויך דער בעל מחבר פון „כוזרי" געוועזען, דער האט זיך אין דער אידישער קולטור פערטיעפט, און אלס איינער וואס האט דאס יודענטהום אלס מזרח-קולטור אויפגעפאסט, איז קיין וואונדער, וואס ער האט אזוי ענערגיש ארויסגעטראטען געגען דער גריכישער קולטור, וועהרענד ער האט זיך געלאזט בעאיינפלוסען פון דער אראבישער, וואס זי איז אויך א מזרח פראדוקט, אן אריענט-פלאנץ.

דער אידישער פאטריאטישער געפיהל נעהמט איצט אן לעבענס פארמען. דער געפיהל אליין ווערט אבער איצט פערנאכלעסיגט, און דאס איז א שאדען.

עס קריגען זיך צוויי דעות: איין דעה זאגט, אז „אם ערשטען וואר דאס ווארט". געטהע בעהויפטעט אז „אם ערשטען וואר די טהאט", אויסגעלאזט האבען ביידע דאס געפיהל, „דאס געפיהל וואר אם ערשטען". דאס איז דער פאטער סיי פון ווארט און סיי פון דער טהאט.

דער פאטריאטישער געפיהל האט דאס אידישע פאלק ניט איינמאל אויפגעהויבען צו לעבעדיגער טהאט, און דער געפיהל זאל געפלעגט ווערען אויך איצט, ווען אויך אויף אנדערע אופנים, ווי דאס איז געטהאן געווארען אמאל.

די אידישע הילף וועט קומען ניט דורך ריינער לאגיק, דורך פארמאלער אויסרעכענונג, נור דורך דעם געפיהל און די געזונדע איינגעווארצעלטע אינסטינקטע, דורך הייסער ליעבע וואס שטעלט זיך ניט אב פאר קרבנות, דורך דעם פייער פון בעגייסטערונג. און צווישען די פערנעהמט די ליעבע צום לאנד ניט דעם לעצטען פלאץ.

א. רייזווין.

זיסע, זויערע און וויינינע אמת׳ן

אלף - בית.

ניט וועגען פערפלאנטערטע און פערדרעהטע זאכען, וועלכע פאסירען ערגעץ ווייט - ווייט פון אונז ווילט זיך מיר היינט שרייבען.

איך וויל זיך היינט מיט מיינע לעזער טהיילען וועגען מיינע איינדריקע פון א פאסירונג, וואס האט געטראפען סאמע אויף עליזאבעטה סטריט, דאס הארץ פון אונזער היגער אידישער גהעטא.

„א איד איז א רב בעפאלען, און איהם געריסען פאר דער בארד, דערפאר וואס ער האט זיך צו איהם געווענדעט מיט א פראגע".

איך ווייס ניט, ווי אזוי איהר האט געפיהלט, ווען איהר זייט וועגען דעם געוואר געווארען.

איך אבער האב זיך אויף א מאמענט פערגעסען אינ׳ם גאנצען וועלט - שמערץ.

איך האב דערזעהען פאר מיינע אויגען די טראגעדיע פון מיין פאלק, פון מיין אומגליקליך־ ליידענדער אידישער נאציע.

איהר וועט זאגען, אז עס איז א גאנץ געוועהנליכע פאסירונג. זאל זיין, אבער דאן צייגט עס נאך מעהר, ווי ווייט מיר זענען געגאנגען, ווי הויך מיר האבען ערגרייכט.

קענט איהר זיך פארשטעלען, אז א קריסט וועלכער האנדעלט מיט רעליגיעזע זאכען, געהט אין קירכע, זאל בעפאלען דעם „מיניסטער" זיינעם און איהם שלאגען.

איך האב נאך פון אזעלכעס ניט געהערט. ביי אונז אבער פאסירט, אז א איד וועלכער האנדעלט מיט כשרות לאזט ניט ארויס גאטס נאמען פונ׳ם מויל, ליפט ווי א פערסמטער אין שוהל אריין, אויב ניט יעדען שבת, איז עס אין די ימים נוראים, און דאך בעפאלט ער זיין רעליגיאנס-פארשטעהער.

איהר וועט זאגען: „ביזנעס", האט דאך „ביזנעס" אויך א געוויסע „עטהיק", דארף דאך א איד אויך בעזיצען מענשליכע זיטען.

מיר זענען אן עם חכם ונבון, דאך פיעלע האלטען נאך ביי אונז ביי אליף בית.

און אפשר וואלט ניט געשאדט, מיר זאלען אויף א צייט איבערלאזען צו קנעלען די „שבע חכמות" און זיך אומקעהרען צום פשוט׳ען „אליף - בית", צום מענשליכען „אליף - בית".

כלעבען פאר פיעלע וואלט עס ניט געשאדט.

אויסציגע פון מיין ווערטערבוך

(פעליטאן)

פון י. ראזען.

הערט, לעזער, וואס מיר איז איינגעפאלען.

אזוי ווי עס געהט צו ווינטער, ווען די אווענדען זיינען גרויס און מען זיצט אין הויז און מען האט מעהר צייט צו לעזען א געדרוקט ווארט איידער אום זומער.

און אזוי ווי מיר זייגען היימישע מענשען.

און אזוי ווי מיר, אנשי טאראנטא, זייגען ניט אזעלכע פילאזאפען ווי אנשי ניו-יארק, למשל.

(ווייל, וואס זאלען מיר דא לייקענען? מיר מוזען דאך צוגעבען, אז יעדער ניו-יארקער איז א למדן, א חקרן, א משכיל, א דענקער, א ווייסער, א חכם און וואס ניט? וועהרענד מיר, פארמערס, ווי זיי רופען אונז זייגען ניט אזוי איבערגעשפיצט).

און אזוי ווי דאס וואס יעדער ניו-יארקער לעזער ווייס. ווייסען מיר, טאראנטאר, אמאל נאך ניט; עס טרעפט אמאל.

און אזוי ווי היינטיגע צייטען וואס מעהר מען ווייס דעסטא בעסער און געזונטער איז פאר׳ן גוף ווי פאר דער נשמה.

און אזוי ווי עס איז פאראן א זעהר וויכטיגער ענין וועלכען מען רופט „פרייע פרעססע".

און אזוי ווי איבער דיעזען ענין ווערט ניט געשריבען אין די ניו-יארקער צייטונגען, ווייל אלע ניו-יארקער לעזער, ווייסען שוין אפנים אלעס וועגען דיעזען ענין . . .

איז מיר איינגעפאלען צו שרייבען א פעליטאן איבער א זאך וואס האט א גרויס שייכות מיט פרייע פרעסע.

א גוטער איינפאל, אמת?

איז אבער פאראן א שטיקעל חסרון.

עס זיינען פאראן א מאסע ווערטער וואס האבען עטליכע פירושים, פערשיעדענע טייטשען.

עס זיינען פאראן, אמת, מענשען — אין ניו-יארק, למשל, — וואס ווייסען אלע פירושים, אלע דעפעניציאנען, פון יענע ווערטער; עס זיינען אבער פאראן פיעלע וואס ווייסען ניט אלע פירושים.

און נאך א זאך.

די בעדייטונגען וואס זיי ווייסען שוין יא, זיינען פאר זיי ניט גאנץ קלאר.

און, צו מיין גרויסען אונגליק, מוז איך נוטצען יענע ווערטער ווען איך געה שרייבען מיין פעליטאן איבער פרייע פרעסע!

און הערט א צווייטען איינפאל:

האב איך בעשלאסען צו שרייבען א סעריע פעליטאנען — ווי לאנג זי וועט זיין ווייס איין גאט — און אין יעדען פעליטאן וועל איך מיט אייך צוזאמען ביים פייער׳ל אנאליזירען די בעדייטונג פון יענע ווערטער. צייט איז פאראן גענוג. ארום שלעפען זיך אין דרויסען אין דער קעלט אין אווענד גלוסט זיך ניט, וועלען מיר זיך אזוי זיצען געמיטליך און זיך ווארעמען, און טרינקען א גלעזעל טהעע — איך ווייס ניט ווי איהר, ביי מיר איז א גלעזעל טהעע אין א ווינטער אווענד א תענוג — און אויסגעפינען דעם אמת׳ן טייטש פון נויטיגען ווארט.

איהר פערשטעהט דאך שוין אליין, אז מיר וועלען דאס זעהן צו מאכען אזוי אינטערעסאנט ווי מעגליך מיט א שטיקעל משל, מיט א גלייך ווארט. א בכבוד׳ן קיבוץ און א שטיקעל אנצוהערעניש.

איך וועל ניט געהן כסדר. משוגע בין איך?

איך וועל נעהמען ווי עס וועט זיך לאזען.

פאר אן אנפאנג האב איך גערעכענט צו נעהמען צוויי ווערטער: אריסטאקראטיע און דעמאקראטיע און זיי בעהאנדלען אלס אן הקדמה — איך האלט זעהר פון הקדמות, ווייל עס האנדעלט זיך וועגען שור הבר, חמר מרת, מיט צוויי סעודות — אזוי האב איך גערעכענט, האב איך אבער נאכהער חרטה געקראגען, ווייל איך מיין ניט צו שטעלען דאס געגען צווייטען, ווייל איך גלויב אז איינער קאן זיין אן אריסטאקראטישער דעמאקראט אדער א דעמאקראטישער אריסטאקראט.

איהר ווייסט ניט ווי אזוי? דאס בעווייזט אז איהר ווייסט ניט גענוי דעם פירוש אדער אלע פירושים פון אריסטאקראט.

איך דענק, אלזא, ניט צו נעהמען ביידע ווערטער צוזאמען. איך וועל נעהמען דאס ווארט אריסטאקראטיע צוערשט.

מיט אייך צוזאמען וועלען מיר דאס לאנגזאם אנאליזירען — מיר האבען דאך צייט — און נאכהער ווען מיר וועלען גענוי ווייסען וואס הייסט אריסטאקראטיע און אריסטאקראט, וועלען מיר ניט כאפען און אנטלויפען, נאר פערקעהרט, מיר וועלען זיך אבשטעלען און בעטראכטען אונזער אריסטאקראטיע, די אידישע, הייסט עס, מיר וועלען זיך פרעגען צו האבען מיר אן אריסטאקראטיע? וואס זיינען די סמנים פון אן אריסטאקראט? וואס פאדערט זיך פון אריסטאקראט? ווער זיינען אונזערע אידישע אריסטאקראטען [illegible]

(פארטזעצונג [illegible] 5)

קראקערי
Old Dutch Cleanser
Chases Dirt

אויף מיין רייזע

— פון —

אב. גאלדבערג

פון מיינע סימפאטהיען פון יענער צייט איז אבער פיעל ניט געווארען. די צייט איז נאך ניט געווען גרייט דאפיר. אזוי שנעל ווי הערצעל איז ארויסגעטראטען אויף דער אידישער בימה מיט זיין יודענשטאדט בין איך געווען דער ערשטער וואס האב זיך אבגערופען און געשטעלט אין דער רייה צו זיין דיענסט. איך בין מעהר ווי צופריעדען אז הערצל האט מיין ארבייט אנערקענט, און האט פיעלע מאהל מיר אנגעבאטען די עה"ע זיך מיט מיר צו בעראטהען וועגען וויכטיגע ציוניסטישע ענינים.

נור צוריק צו געהן צום אנטיסעמיטיזם וויל איך זאגען אז איהר זענט ניט דער ערשטער וואס האט מיך חושד געווען אז מיין ציוניזם שטאמט פון דער ניט ריינער קוועלע. איך וויל דאס ענטשידען און איין מאהל פאר אלע מאהל דורך אייך אפלייקענען. ראשית, איז אין קענעדע דער אנטיסעמיטיזם א נייע פרי, אויסגעוואקסען אין די לעצטע יאהרען. פריהער זיינען געווען ווייניג אידען, אז זיי זאלען מאכען וועלכען עס איז רושם אויף דער קריסטליכער געזעלשאפט, ווער רעדט ארויסרופען רייזונגען. און איך בין דאך א ציוניסט מעהר ווי דרייסיג יאהר. והשנית, אויב עס זאל אפילו זיין אנטיסעמיטיזם, האט ער מיך פערזענליך ניט געטראפען. ביי מיר אין הויז פארקעהרען די גרעסטע און אנגעזעהענסטע קריסטען. דער דיוק פון קאנאטה האט געגעסען ביי מיין טיש. איך בין מיטגליעד פון די גרעסטע און מיוחס'דיגע קריסטליכע געזעלשאפטען. איך האב קיין מאהל, קיין מאהל ניט געליטען פאר מיין אידישקייט, און איך מאך פון מיין אידישקייט קיין סוד, להיפך, איך דעמאנסטריר דערמיט און שטאלציר מיט דעם. און מערקווירדיג: גראד דאס רופט ארויס די בעוואונדערונג פון די גוים. זיי האבען ליעב דאס עכטע ארטיקעל: איד זאל זיין איד. און זיי רעספעקטירען דוקא א גלייך-רוקענדיגען אידען און ניט דעם וואס קריכט אויף אלע פיער.

איך וואלט אייך געקענט דערצעהלען פיעלע ביישפיעלע, נור דער איינער וועט זיין גענוג: מען האט דא געשטעלט א מאנומענט פאר עדווארד וועלכען דער דיוק האט בעדארפט אויפדעקען. א קאמיטע פון פינף פון וועלכע איך בין געווען איינער, איז בעשטימט געווארען צו פערטרעטען די שטאדט ביי דער מאנומענט-אויפדעקונג און אויך צו בעגעגענען דעם דיוק. איך האב דעם כבוד מיט פערגעניגען אנגענומען, האב אבער באלד אויסגעפונען דאס דער טאג וואס די אויפדעקונג האט געדארפט פארקומען איז געפאלען אין יום-כפור. עס פערשטעהט זיך אז איך קען אונטער קיינע אומשטענדען געהן אום יום-כפור צו אן אויפדעקונג. חלול יום-כפור איז העכער פון יעדען כבוד. כ'האב זיך ניט געשעהמט און האב באלד מודיע געווען אויף דעם נויטיגען פלאץ, אז מיר וועט אונמעגליך זיין, צו מיין בעדויערען, אנצונעהמען דעם כבוד ווייל די צערעמאניע פאלט אויס אין דעם הייליגען טאג יום-כפור. צו מיין גרעסטער פערוואונדערונג האב איך ערהאלטען א בריעף אין וועלכען מען האט מיר אנגעזאגט אז דער דיוק איז גרייט אפצולייגען די צערעמאניע אויף אן אנדער דאטום, כדי איך זאל קענען זיין ביי דער וויכטיגער געשעהענים.

קלארנס דע-סאלא האט מיר אויך דערצעהלט אז פיעלע אידען זיינען אין דער ארמיע וועלכע קענעדע האט געשיקט נאך ענגלאנד צו העלפען אין דער קריעג. אין דער ערשטער צייט איז אפילו געווען א סברה אז מען זאל מאכען א אידישע אפטיילונג, אבער נאכדעם אז מען האט די זאך דורכגעדרינגט, איז בעשלאסען געווארען, דאס ניט צו טהאן. נו האבען זיך אבער פיעלע אידען אנגעשלאסען. פיעלע פון זיי זיינען שוין געפאלען.

עס איז איבעריג צו זאגען דאס קלארנס דע-סאלא איז אן איבערצייגטער פרא-אליערטער, ער גלויבט אין דער גערעכטיגקייט פון ענגלאנד'ס קאמפף און גלויבט אויך אין איהר ענדליכען נצחון. פאר איהם איז קלאר דאס ענגלאנד מוז זיעגען, ווייל... פרעגט ניט: ווארום? קלארנס דע-סאלא איז א גרויסער ענגלישער פאטריאט און פאר איהם איז ענגלאנד דער העכסטער אויסדרוק פון יושר, לייטישקייט, קולטור און ניט-ווייזונגער פון קראפט. ענגלאנד, נאך זיין מיינונג, קען ניט פארלירען, ווייל זי האט קיין מאהל ניט פערלארען. עס איז נור א פראגע פון צייט. ער גלויבט, אז דער קריעג איז צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד, ענגלאנד פערטרעט די גערעכטיגקייט און פרייהייט, די צוויי יסודות אויף וועלכע די אייראפעאישע קולטור איז און דארף זיין געבויט; דייטשלאנד וויל די ביידע יסודות צושטערען און אויף די חורבות זייערע אויפשטעלען א דעספאטישע, מיליטערישע, ברוטאלע הערשאפט.

נאך מעהר: ער גלויבט באמונה שלמה, אז א זיעג פון די עליים וועט מקרב זיין דעם קץ פון אונזער אידעאל. ער איז דארום פאר די עליים פון צוויי שטאנדפונקטען: פון דעם ענגלישען אזוי גוט ווי פון דעם אידישען.

ער האט מיר אויסגעדריקט זיין בעדויערונג וואס מיר האבען אזוי ווייניג אידען אין ארץ ישראל. ער האט אלס פאליטישער ציוניסט פערשטאנען אז דוקא פון פאליטישען שטאנדפונקט איז נויטיג אז עס זאלען וואס מעהר אידען אריבערציהען אין אונזער לאנד, ניט ווארטענדיג אויף קיינע גליקען. ער האט קיין מאהל ניט געקענט זעהן קיין סתירה אין די צוויי ארבייטען, די אזוי גערופענע פאליטישע און פראקטישע ארבייט. זיי זיינען שטענדיג ביי איהם געווען צוויי טהיילען פון איין גאנצעס. די פאליטיק שטיצט זיך אויף רעאלע פאקטען און כדי פאקטען זאלען קריגען די פולע בעדייטונג מוזען זיי איינגעפאסט ווערען אין די ריכטיגע פאליטישע ראהמען — די ביידע בכן, דערגאנצען איינע די אנדערע.

ביי דער ענגע האט זיך דע-סאלא בעקלאגט וואס ער זעהט ניט איצט אין אידישען לעבען די גרויסע פערזענליכקייט וועלכע זאל בעוועגען די סטרונעס פון דער פאלקס-נשמה און זאל אויך קענען אויסנוצען די נייע געשאפענע בעדינגונגען און די פאליטישע סיטואציע פאר דער דערגרייכונג פון אונזער אידעאל. ער גלויבט אבער אז דער גרויסער מאמענט וועט פון הסתם אין דער ריכטיגער צייט אויך ארויסשטעלען זיינע שלוחים. דען ער גלויבט זעהר פיעל אין דעם געניוס פון דעם אידישען פאלק.

אין מאנטרעאל ריכט אפ גלות, ווי בעקאנט, דער בערוהמטער שריפטשטעלער ראובן בריינין. די צייט וואס איך האב פערבראכט אין מאנטרעאל, האב איך די גרעסטע טהייל פון יעדען טאג מיט איהם פערבראכט. ער איז דארט איינזאם, עלענד, א בעל-חלום אויף א פראקטישער וועלט. דארום אז עס קומט אמאהל אריבער אהין א גאסט, איינער אזוי צו זאגען, פון די קולטור מענשען, בעזונדערס-טרייבער, ווארט-פיהרער, כלל-טהוער, אדער פען-האלטער, כאפט זיך בריינין צו איהם צו, נעהמט איהם צו זיך און לאזט איהם ממש ניט ארויס פון הויז. פאר איהם איז דאס א נויטיגער איבערבייט און א דערפרישונג, א געלעגענהייט זיך אויסצוטהאן אביסעל פון דער טעמפער שטימונג וועלכע נעהמט איהם ארום.

(פארטזעצונג פאלגט)

פון דער אלטער וועלט

"נייעס און פאסירונגען פון דער אלטער היים.

אנטלויפט פון פריזאן.

דער בעוואוסטער העברעאישער שריפטשטעלער און פועלי ציון פיהרער ,,זרובבל" איז אנטלאפען פון פאלעסטינא און האט זיך אויף אזא'ן אופן אויסגעדרעהט פון א יאהר פריזאן, צו וועלכען ער איז פעראורטהיילט געווארען פאר אן ארטיקעל אין א צייטונג. זרובבל געפינט זיך איצט אין אלעקסאנדריא, עגיפטען.

די נייעס איז אנגעקומען אין א בריעף פון אלעקסאנדריא, וועלכער איז געשריבען געווארען אין די לעצטע טעג פון אויגוסט. דערפון קען מען זעהן, אז זרובבל האט זיך אויסגעדרעהט, נאך איידער מען האט איהם גענומען אין תפיסה.

זרובבל איז פער'משפט געווארען צו א יאהר שווערע ארבייט, דערפאר וואס ער האט געוואגט צו שרייבען אין א צייטונג, אז די אידען זיינען ניט קיין געפאהר פאר דער טערקישער רעגיערונג.

צוזאמען מיט דער נאכריכט וועגען זרובבל'ס אנטלויפען פון טערקישען פריזאן איז אין דעם בריעף אויך דא אביסעל נייעס פון פאלעסטינא. דער היישעריק, שרייבט מען, איז שוין מעהר ניטא, און די איינוואהנער פון ירושלים און יפו האבען פריי אבגעאטהעמט אבער דערפאר איז דער יקרות אונערטרעגליך. קעראסין קאסט 10 פראנק (2 דאלאר) א גאלאן, און דער פרייז פון צוקער איז געשטיגען אויף 40 פראנק א ראטעל (6 פונט)

קיעווער שטאדט דומא בעט פאר אידען.

די קיעווער שטאדט דומא האט נאכגעטהאן דעם ביישפיעל פון דעם גאלאווא (מעיאר) און אויך געבעטען אז מען זאל אריינלאזען אידען אין שטאדט.

די שטאדט פערוואלטונג האט עס געטהאן צוליעב דעם, וואס עס פעהלען פשוט אויס ארבייטער אין קיעוו זי האט דעריבער געבעטען די מיליטער בעאמטע, וועלכע זיינען דיא הערשער איבער דער גאנצער געגענד, אז זיי זאלען ערלויבען לכל הפחות אידישע בעלי-מלאכות אריינצוקומען אין שטאדט.

די מיליטער-בעאמטע זיינען אבער ניט נתפעל געווארען פון דער ביטע און זיי האבען דעם וואונש פון דער קיעווער דומא ניט ערפילט. אלס פשרה האט זי ערלויבט בלויז די אידען וואס זיינען בעשעפטיגט אין דורכפיהרען מיליטער קאנטראקטען אבער די ערלויבנים איז ניט ווי אויף דער צייט וואס די קאנטראקטען האלטען אן. אזוי שנעל ווי די קאנטראקטען זיינען דורכגעפיהרט, מוזען זיי פערלאזען די שטאדט.

אידען פון באקו בעטען פאר זייערע ברידער.

די אידען פון שטאדט אין קאווקאז, ביים קאספישען ים, האבען זיך געווענדעט צום נייעם נאמיעסטניק (וויצע קעניג) גראף פירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש. אז ער זאל אורטהיילען אויב אידען מעגען וואהנען דארטען, לויט דעם נייעם צירקולאר וועגען דער פערברייטונג פון דער ,,טשערטא" אדער ניט.

ווי בעקאנט ווערט דיעזער צירקולאר אויסגעטייטשט פון מאנכע גובערנאטארען צום שלעכטען, אבוואהל עס ווערט אין איהם דייטליך געזאגט, אז אידען מעגען יעצט וואהנען אין אלע רוסישע שטעדט, אויסער מאסקווא, פעטראגראד און דעם צארס רעזידענץ פלעצער. באקו איז איינע פון די שטעדט וואו אידען האבען ביז אהער ניט געטארט וואהנען.

דער נייער וויצע קעניג פון קאווקאז איז דער געוועזענער פעלד מארשאל ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, וועלכען דער צאר האט געשיקט נאך קאווקאז נאך דיא בעריהמטע מפלות וואס די רוסישע ארמעע האט ערליטען אונטער זיין קאמאנדע.

רוסישע צייטונגען העכערן דעם פרייז.

צוועלף פעטראגראדער צייטונגען האבען געהעכערט דעם פרייז מיט א קאפיקע אויף יעדען נומער.

פאלגענדע אורזאכען ווערען אנגעגעבען:

1) זייט די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען האט אויסגעבראכען א גרויסער קריזיס אין לאנד און מען גיט קיינע אדווערטייזמענטס, וואס זיינען די הויפט פרנסה פון די פאבלישערס.

2) די אויסגאבען זיינען צוליעב דער מלחמה גרעסער געווארען טראץ דעם וואס די איינגאהמען זיינען קלענער. מען מוז יעצט האבען עקסטרא קארעספאנדענטען אין די מלחמה געגענדען מען שיקט עקסטרא טעלעגראמען, וואס קאסט פיעל געלד און צו אלעם דעם איז א גרויסער יקרות אויף דרוק מאטעריאלען וואס מען מוז האבען צו פרינטען א צייטונג.

3) די זיעגע פון די דייטשען און די עסטרייכער האבען אין רוסלאנד אוועקגענומען אזוי פיעל גובערניעס מיט לעזער, דאס עס האט זיך זעהר שלעכט אפגערופען אויף די טעגליכע פרעסע פון פעטראגראד. אונטער אזעלכע אומשטענדען איז אונמעגליך פיר דיא טעגליכע צייטונגען צו עקזיסטירען אויף דיא אלטע פרייזען און זיי מוזען העכערען א קאפיקע אויף יעדען נומער. די העכערונג פון פרייז פאנגט זיך אן פון רוסישען ערשטען אקטאבער און וועט ניט פערבלייבען אויף אימער נור ביז בעסערע צייטען וועלען אנקומען. פאלגענדע צייטונגען האבען בעשלאסען צו העכערען דעם פרייז:

בירזשעוויא וויעדאמאסטי, גאלאס ראסיא, דיען, קאלאקאל, נאוואיע ווראמיא, פעטראגראדסקאיא גאזעטא, פעטראגראדסקי קוריער, פעטראגראדסקי ליסטאק, פעטראגראדסקאיא וויעדאמאסטי, ריעטש, סוויעט. סאוורעמעננאיע סלאוא.

מירער ישבה בעט הילף.

די מירער ישבה וואס האט ערצויגען לומדים און רבנים פאר צעהנדליגע יאהרען איז ניט אונטערגעגאנגען. זי זעצט פארט איהר פריהערדיגע ארבייט אין מינסק, אבער די ישבה נויטיגט זיך אין שטיצע.

הרב הגאון ר' אליהו ברוך קאמאי, רב און ראש ישיבה פון מיר, דער ראש ישיבה בעט מען זאל וואס שנעלער שיקען שטיצע פון אמעריקא פער טעלעגראף, זאנסט וועט זי זיך מוזען אויפלעזען, געלד זאל געשיקט ווערען אויף די אדרעסע פון הרב ראבינאוויטש, מינסק, פאר הרב קאמאי.

א דרייפוס טויט אין שלאכט.

עמיל דרייפוס, א נעפע פון קאפיטאן אלפרעד דרייפוס, איז געטויטעט געווארען אין שלאכט. עמיל-דרייפוס איז געווען 24 יאהר אלט. ער האט זיך אין די פאריזער שלאכטען גוט אויסגעצייכענט און האט געקראגען דער קרייץ פון עהרען לעגיאן פאר זיין טאפפערקייט.

פארניטשור! פארניטשור!
א געלעגענהייט וואס טרעפט זיך איין מאל אין א יובל
אונזער גרויסער סטאק

מוז אונבעדינגט פערקויפט ווערען. מיר האבען פון אלעס א גרויסען אויסוואהל: היטשען קעבינעטס, סטאוואס, דייניגג רום, לייברערי, פארלאר און בעד רום סעטס, צו פרייזען וואס זיינען נאך אין טאראנטא ניט געהערט געווארען.
קעש אדער קרעדיט.
איידער איהר געהט ערגעץ קויפען קומט אריין צו אונז. מיר וועלען אייך איבערראשען.

ל. יאללעס
365 קווין סטריט וועסט

נח שטיינבערג.

מיר בלאנדזשען.

מיר בלאנדזשען ווי בלינדע אין פינסטערען מדבר,
מיר טאפען, מיר זוכען, מיר פרעגען מיט שרעק,
מיר ווייסען אליין נישט ביי וועמען צו פרעגען:
וואו איז דער וועג, וואו איז דער וועג? . . .

און אלע נביאים, אט די וועלכע פיהרען,
זיי בלאנדזשען צוזאמען מיט אונז אהן א צוועק,
ס'ווייזט איינער אויף מערב, דער צווייטער אויף מזרח:
דארט איז דער וועג, דארט איז דער ברעג! . . .

און דאן ווען עס דוכט אונז מיר האבען געפונען,—
און דארט וואו מיר גלויבען מען זעהט שוין א ברעג,—
דערהערען זיך ווידער צושראקענע שטימען:
,,וואו איז דער וועג, וואו איז דער וועג? . . ."

דארף מען געבען פרויען גלייכע רעכטע?

געדאנקען פון א פרוי וועגען פרויען רעכטע.

פון סאפיא.

איך נעהם זיך ניט אונטער פסיכאלאגיש צו בעהאנדלען די פראגע וועגען ,,פרויען רעכטע", ווייל איך בין איינפאך קיין פסיכאלאג ניט.

גרויסע פסיכאלאגען האבען פיעל געשריבען וועגען דעם, און די וועלכע זענען געווען פאר פרויען-רעכטע, האבען בעוויזען, אז די פרוי בעזיצט די זעלבע אייגענשאפטען און איז אזוי פעהיג ווי דער מאן.

די פסיכאלאגען, געגנעריש צו דער פראגע, האבען אייך בעוויזען מיט אותות ומופתים, אז די פרוי איז בעשאפען געווארען בלויז צו זיין א מוטער צו איהרע קינדער, זיצען אין דערהיים און ניאנטשען איהרע קינדערלאך. און וואס עס אנבעלאנגט דער געזעלשאפט, שאפען געזעצען, און אזוי ווייטער, קענען עס בלויז די מענער טהאן, די פרויען זענען צו שוואכזיניג פאר אזעלכע זאכען. זיי די פרויען, הייסט דאס, דארפען בלויז נאכקומען דעם סטייל און זעהען וואס פאר א העטס, און וואס פאר א דרעסעס מען טראגט, צי מיט, אדער אהן ,,פאר".

וויפיעל איז שוין וועגען דעם גערעדט און דיסקוטירט געווארען. פיעלע ארגומענטען זענען אנגעגעבען געווארען דאפיר און דאגעגען. פרויען רעכטע, עס איז שוין כמעט ניט איבערגעבליבען קיין ניי ווארט צו זאגען. אלע רעכט-דענקענדע מענשען, זענען מיט דער מיינונג, אז די פרויען שטעהען אין אלע הינזיכטען ניט נידעריגער פאר'ן מאן, אין פיעלע פעלע שטעהען זיי נאך העכער, און פאלגליך דארפען מיר האבען אלע רעכטע צו גלייך מיט'ן מאן.

דאס איז אבער אלץ גערעדט וועגען די מענשען, וועלכע זענען רעכט-דענקענדע. עס זענען נאך אבער פארהאן פיעלע, און אין א גרויסער צאהל, וועלכע גלויבען נאך אלץ, אז גלייכע רעכטע פאר דער פרוי, וועט זיין אן אונגליק פאר דער געזעלשאפט, זיי די פרויען וועלען פערנאכלעסיגען זייערע קינדער, זייערע היימען. און דיעזע מענשעלאך זעהען בעשיינפערליך, אז אזוי שנעל ווי די פרוי וועט בעקומען גלייכע רעכטע, ווערט די וועלט, אויס וועלט.

אט פאר דיעזע וויל איך עטוואס דערצעהלען, און זאלען זיי אליין אורטהיילען, וואס עס איז רעכט, און וואס עס איז אומרעכט, און ווער קען פיהרען בעסער די געזעלשאפט, מענער אדער פרויען.

אין א קליין שטעדטעל אין דעם סטייט נעבראסקא, וואו פרויען האבען גלייכע רעכטע האט פאסירט, אז א מאן מיט'ן נאמען ריטשארדסאן האט ערמארדעט זיין פרוי. ער איז ארעסטירט געווארען און א דזשורי האט איהם אינדייטעט אין מארד.

מיט עטליכע וואכען שפעטער איז ער געשטעלט געווארען צום געריכט. א פרויען דזשורי פון 12 איז אויסגעקליבען געווארען, זיי זאלען אורטהיילען אויב ער איז שולדיג אדער ניט.

ביים פראצעס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ריטשארדסאן איז געווען אן אלקאהאליקער, ער פלעגט אימער פערטרינקען זיינע וויידזשעס און די פרוי אין דער היים האט בעדארפט שווער און ביטער ארבייטען צו ערנעהרען איהרע פיער קליינע קינדערלאך.

איינמאהל, קומענדיג אהיים אין א שיכור'ן צושטאנד, האט ער זיך גענומען קריגען מיט זיין פרוי און פאר גרויס כעס האט ער געכאפט א האק און האט איהר צושפאלטען דעם קאפ, זי איז אפגעלעגען עטליכע טעג אין א האספיטאל און איז געשטארבען.

די פרויען דזשורי האט זיך בעראטהען דריי שטונדען און האט ארויסגעטראגען א ווערדיקט פון ,,שולדיג" אין מארד צווייטען גראד, און די דזשורי האט רעקאמענדירט צום דזשאדזש, ער זאל אוועקשיקען ריטשארדסאנען אין אן אנשטאלט פאר נערוועזע קראנקע. דער דזשאדזש האט אזוי געטהאן.

די פרויען דזשורי האט בעשלאסען, אזא אזא מאן איז א געפאהר פאר דער געזעלשאפט, און דארף זיין פערשפארט.

דאס האט געטהאן א פרויען דזשורי.

יעצט א צווייטען פאל פון אונזער טאראנטא:

ארטשי ליטש, האט דעם דריטען אויגוסט פון דעם יאהר ערמארדעט זיין פרוי. ער איז ארעסטירט געווארען און איז פון א דזשורי אינדייטעט געווארען אין מארד.

דעם 21-טען אקטאבער איז ער פארגעבראכט געווארען אין היגען אסייז קאורט פאר סער דזשאהן באיד אלס ריכטער און א דזשורי פון 12 מענער.

דורך דער צייט פון פראצעס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ארטשי איז אימער געווען א גרויסער שיכור. ער האט עס אליין צוגעגעבען ווען ער איז געווען אויפ'ן וויטנעס סטענד. ער האט געזאגט, אז ווען ער האט זיין פרוי ערמארדעט איז ער געווען שכור.

און אט ווי עס האט פאסירט:

איין טאג ווען ער איז געקומען פון דער ארבייט א שיכור'ער, האט איהם זיין פרוי עטוואס געזאגט, און ער אהן קיין שום ענטפער האט א הר א זעץ געטהאן מיט'ן פוס אין בויך. זיין פרוי איז געווען זעהר א דעליקאטע, און פון דעם זעץ, וואס זי האט בעקומען, איז זי אפגעלעגען עטליכע טעג אין האספיטאל און איז געשטארבען.

די דזשורי האט אויסגעהערט די טענות און איז ארויס זיך בעראטהען. מיט א קורצער ווייל שפעטער האבען זיי אריינגעבראכט א ווערדיקט ,,ניט שולדיג".

דער דזשאדזש האט איהם בעפרייט.

יעצט האט ארטשי נאך א געלעגענהייט ווייטער צו שיכורן און ערמארדען נאך א פרוי אויב עס וועט איהם קומען צום האנד.

צוויי עהנליכע פעלע. ביידע דזשורים האבען ארויסגעבראכט זייערע אורטהיילען, אבער ווער האט ריכטיגער געהאנדעלט? די פרויען דזשורי, אדער די מענער דזשורי?

זאלען געבען אן ענטפער די, וועלכע זענען געגען פרויען רעכטע.

(פארטזעצונג פון פיידזש 4)

דער וואס ווייס ניט, און ווייס אז ער ווייס ניט, איז אונוויסענד, לערען איהם!

דער וואס ווייס, און ווייס אז ער ווייס, איז א חכם, פאלג איהם נאך!

⁂

די סעריע, וועגען וועלכער איך בין געפאלען אויפ'ן שכל, וועל איך רופען: אויסציגע פון מיין ווערטערבוך.

אין מיין נעכסטען פעליטאן מאכען מיר די ערשטע פראבע מיט'ן ווארט אריסטאקראטיע.

דערווייל, פאני, רוהט זיך אויס, און זייט גרייט.

עס שטעהט פאר אונז א לאנגער ווינטער מיט לאנגע אווענדען. דער עקר ניט געזארגט, לעבעדיג!

מיר פארקויפען גאראנטירטע
מענער
העטס
$1.75
לעצטע
סטיילס
ווערען פארקויפט אנדערשוואו ביז $2.50
באקהאם לימיטעד
264 יאנג סט.
BUCKHAM LIMITED
264 Yonge St.



דער בעסטער ארטיקעל
ווערט פערקויפט איבעראל
ענטזאגט נאכגעמאכטע

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער הער רעדאקטאר!

אלס א שטענדיגער לעזער וועט איהר מיר געוויס ערלויבען פלאץ אום זיך אויך צו שפרעכען איינינע ווערטער צו די טאראנטער רעגס פעדלער.

איך האב געוואלט פרעגען א פראגע. זייענדיג א רעגס פעדלער צו הארט מען זיך אהן בושה? צו מוז מען זיין אזוי נידעריג ביי זיך? זייענדיג א רעגס פעדלער מוז מען פערלירען דאס גאנצע ביסעלע זעלבסטווירדע? קען מען נישט זיין א אנשטענדיגער מענש מיט בושה?

צום פונקט: — דעם לעצטען דאנערשטאג, דאס איז אקטאבער דעם 20-טען איז געוועזען דער ,,קאלעקטינג דעי", דאס הייסט, ווען מען קאלעקטעט דיא דאסט. ווי ערשטוינט בין איך געווארען ווען איך בין ארויס פון הויז האלב נאך זיעבען אין דער פריה, האב איך געזעהען ווי איינער ,,מאחינו בני ישראל", א רעגס-פעדלער שטעהט און גראבעלט און נארעט אדורך דיעזע דאסט קען, קלייבט זיך די שמאטעס, די אלטע שטיקלאך בוטם באקסעלעך און א. ז. וו. איהר קענט מיר גלויבען, אז עס האט נישט קיין ווערדע א האלבען סענט. און אם איין אזא שמוץ נעהמט א איד מיט ביידע הענד אין... איז אזוי בודק דורך און דורך, וויישט אפ מיט די הענד יעדעס שטיקעל שמאטע און לייגט עס אריין צו זיך אין זעקעל און אזוי איז ער בודק כסדר פון איין דאסט קען ביז דעם צווייטען מיט איין ווארט לאזט נישט דורך קיין איינע. וועלכע שמוץ עס געפינט זיך נעהמט ער ארויס צו זיך אין זעקעל.

וואס איך מיין דעמיט, איז דיעזעס:

דיעזע סטריט איז בעוואוינט פון קריסטען, יעדער קריסט איז געגאנגען צו זיין ארבייט אדער ביזנעס. שטעלט אייך פאר, אז קריסטען האבען זי דאבגעשטעלט קוקען און לאכען. יעדער קריסט האט זיך זיינע אויסדריקע, זיין מיינונג געגעבען און געצייגט צו א צווייטען און צו א דריטען און אלע האבען געלאכט. מיין פנים האט מיר געפלאמט פון בושה. נעקסט דאר זיצט א קריסט, ער האט געזעהען אז איך שעהם זיך, זאגט ער צו מיר: "דאטס נאטהינג". און ביי דיעזע ווערטער בין איך אריין צוריק אין מיין הויז, ביז דער געלעכטער מיט די שפאסען וועלען זיין פאריבער.

פרעג איך: צו איז דאס אנשטענדיג? איז דאס שעהן פון א אידען? איך מיין נישט חליה דעם אידען בעשמוצען, עס איז מיר זעהר לייד, וואס פאר א פרנסה'ס אונזערע אידען האבען אין דער פרייער אמעריקא. . . אבער יעדענפאלס גלויב איך, דאס זייענדיג א פעדלער, קען מען אויך זיין אן אנשטענדיגער מענש, האבען חרפה, רעספעקט פאר זיך זעלבסט.

איך האף, דאס איהר וועט דיעזע ציילען דרוקען אין אייער ווערטהער צייטונג, פיליכט וועט עס ווירקען אום דיעזע לייטע זאלען זיך אביסעלע מוסר נעהמען און פערשטעהן, אז עס איז נישט אנשטענדיג. מיר זאלען נישט זיין ,,ללעג וקלס" בגוים, אז מען זאל ניט דארפען רויטה ווערען פאר אונזערע ברידער.

מיט דרך ארץ, אייער לעזער
ירוחם שרייבער
83 ליפינקאט סט.

ווערטהער רעדאקטאר!

זא ווי איך האב איבער געגעבען צו דעם טרעזשורער $4.55 מעהרער ווי איך האב קאלעקטעט אלזא וואלט איך געבעטען די יעניגע וואס האבען מיר געגעבען געלד זאלען אכטונג געבען צו זייערע נעמען זענען אדווערטייזט אין אייער ווערטהען ,,זשורנאל" און אויב עס איז ווער נישט געוועזען אדווערטייזט, זאל ער זיך מעלדען צו מיר. אויך [illegible] זעהן די נעמען פון די מנדבים, מחמת איך האב דאס אלעס בעהאלטען, כדי עס זאל חלילה קיין איין סענט פון די צדקה געלד נישט פערלארען געהן.

מיט אכטונג
אלטער בלומענפעלד, שמש פון
מעקאל שוהל.

ה. יאנאווער — א. ראזענפעלד
פאן מיין 6886 — פאן קאלעדזש 5089
— זיינען די —
טאראנטא קאהל קאמפאני
91 קענעס סטריט — פאן אפיס עדלייד 2029
פערקויפען. נור
Elias Rogers Co's Anthracite
יעדער לאם, קוילען אדער האלץ, ווארט דעליווערט מיט ראדזשעס טיקעטס. פיר קוואליטי און וואג גאראנטירט.

פעדלערס און סטאר קיפערס
די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטימערס און צו מאכען געלד איז צו פירען דריינגודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלערי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.
האלסיילער און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער באוואוסטער האלסייל פלאטץ וואו פיעל פעדלער זענען באריכט געווארען. דזשאב לאטס זענען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.
קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סט. וו. טאראנטא אנט.
טעלאפאן עדלייד 3772.

נעהט וואו אלע נעהן.
אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואולענס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי
ליובינסקין
די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואולען מיללס.
פאר וואס גיט איהר? אונזער נאהמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראיעלע בעהאנדלונג.
J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto.
TELEPHONE MAIN 6446

האט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם
דיינינג רום אונד רעסטאראנט
איז 192 ספאדיינא עוועניו, (ניער קווין)
עס איז פיר אייער אייגענעם בענעפיט
דאס שענסטע פלייץ אין אלאמעריקאן פיר לידיס און דזשענטעלמען. גוטע געשמאקעלע כשר'ע שפייזען און גוטע בעהאנדלינג גאראנטירט.
גרינבלאט, 192 ספאדיינא עוועניו, (נעבען גיבער מוכר ספרים)

די בעסטע סחורה האט בלויז איין פלאץ
די אמת'ע גוטע כשר'ע ווארשט, קארנד ביף, וויענערס, סאלאמא, סמאוקד פלייש, דיקע באלאנע, און צונגען, ווערען פאבריצירט אין איין פלאטץ בלויז, אין אונזער פעקטארי
266 פארליאמענט סטריט, טאראנטא.
גיט אונז א טרייעל און איהר וועט וויסען וואס סחורה הייסט. גלויבט ניט אויף'ן ווארט, פערזוכט ! אכטונגספאלל
טעלעפאן מיין 909. פ. טערדימאן.

אזהרה גדולה !

טאראנטאר אידען ! די דאנערשטיג עליזאבעט סטריט פאסירונג וואו די קליי־דער פון א רב זיינען צוריסען געווארען, די אוינ פון א בעוואוסטען כלל טהוער איז מבייש געווארען, אז דער פערוואלטער פון צדקה אונטער־נעהמונגען זאל קריגען מיט א אייזען אי־בערן קאפ קען ניט פערשוויגען ווערען. דאס מוז אייך אלעמען איבערצייגען אז אזא מאן וואס געהט מיט אייזענס שפאל־טען קעפ און פערגיסען מענשען בלוט האט ניט קיין נאמנות אויף כשרות.

הארום זיינען מיר די רבנים מיט'ן שטאדטישען אידישען וועד אייך מזהיר אז אלע עופות וואס וועלען ניט האבען אויף זיך פון יעצט אן קיין זיגעל אדער פלאמבע זיינען ריכטיגע טרפה, נאך אידישען דין זיינען מיר בערעכטיגט און פערפליכטעט דיעזע אזהרה אייך איבער־צוגעבען.

דער וואס וועט ניט פאלגען מוז זיין ניש ערקלעהרט ווערען פאר ניט א כשר'ן.

די יעניגע וואס האבען געקויפט טשיקענס ביי דעם טשיקען דיעלער דאר־פען פרעגען א שאלה אויף די כלים וויל ער האט געזאגט אז ער זעלבסט האט געשאכטען די עופות.

יודל ראזענבערג
יוסף וויינרעב
מאיר צבי לעוויא
יעקב גארדאן

אסטראווצער לאנדסלייט
וואו זענט איהר

הערט איהר דען ניט די געשרייען פון אונזערע שוועסטער און ברידער וועלכע מיר האבען איבערגעלאזט אין דער היים וואס זיינען רואינירט געווארען פון דער גרויסער וועלט מלחמה ?

ווילט איהר אייך ווירקליך ניט אינ־טערעסירען און צו שאפען ברויט פאר די הונגעריגע פאמיליעס און מילך פאר די ארימע קליינע קינדער וועלכע ליידען נויט און קעלט ?

אח, ניין !!

איהר טארט דאס ניט צו לאזען !

עס איז אייער בלוט און פלייש מיט וועלכע איהר האט צוזאמען פערבראכט צעהנדליגע יאהרען און היינט ווילט איהר אייך אין גאנצען אבזאגען פון זיי. יעצט אין דער צייט וואס איהר קענט ווייזען אז איהר שטעהט ניט אוועק פון זיי אין אזא קריטישע לאגע ווי זיי געפינען זיך יעצט.

פאר דיעזען צוועק טרייען מיר נאך איין מיטינג צו רופען פאר זונטאג דעם 31־טען אקטאבער אין סענטער פאלאס האל פונקט אום 4 אוהר וואו איהר טארט פאר קיין פאל ניט פערבלייבען אין דער היים נאר קומען און העלפען אונז אין דער גרויסער נאבעלער ארבייט וועל־כעס עס איז שוין געטהאן געווארען א דא וועלכע עס זיינען געווען ביי די לעצ־טע 2 מיטינגס ווי עס איז שוין געשאפען געווארען איבער צוויי הונדערט דאלאר.

קומט אלע אחן אונטערשיד, מע־נער, פרויען, מיידלאך, באיעס און טהוט אייער פליכט ווי ווייט איהר קענט.

מיט גרוס
די קאמיטע.

נעמסט אויף דער אידישער ארבייטער גאס.

מר. ע. ראבקין, מיטגליעד פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אמאלגא־מייטעד קלאדינג וואירקערס אף אמערי־קא, איז פון מאנטרעאל געקומען קיין טא־ראנטא.

זיין צוועק איז צו אויפמונטערען די היגע ארבייטער צו שטיצען דעם סטרייק אין שיקאגא, אי מיט זאמלען געלד און אויך זעהן דאס סקעב ארבייט זאל דא ניט געמאכט ווערען.

ביידע אויפגאבען זיינען בעצם איינע און א זעהר וויכטיגע, וויל דער סטרייק אין שיקאגא איז א פערביטערטער און עס איז קיין פראגע אז די היגע ארבייטער־שאפט וועט טהון אלעס מעגליכעס צו העלפען זייערע ברידער אין שיקאגא.

מיט מר. ראבקין איז אויך געקומען מר. א. ס. גלאססמאן, דער דזשענעראל ארגאנייזער פון די דזשאווירנימען טיי־לארס יוניאן צוליעב ארגאניזאציאנס אר־בייט.

זיי וועלען דא פערווילען א קורצע צייט.

גזלן, כ'האב פיער טייז!

א טראגעדיע פון א „כלל־טהוער"

אין איינעם פון די לעצטע וואכענדען הא־בען די שפאצירענדע פון ביעלאנסקא גאס געהאט די געלעגענהייט צוצוזעהען א מאדנע סצענע:

אויף דעם גאס איז געלאפען הענדום־פענדום א יונגערמאן, א צוהיציטער און א צושויבערטער, אנגעטהון דעם אויבער־מאנטעל אויף איין ארבעל, און האלטענ־דיג פעסט אין דער רעכטער האנד — פיער טייז.

נאך איהם האט זיך געיאגט א יונג ווייב־בעל מיט נישט ווייניגער הענדום פענדום און נישט ווייניגער צוהיצט און צופלא־קערט. מיט קולות און געשרייען, קללות וחרמות אזוי אז דער רוהיג שפאצירענ־דער עולם איז דערשראקען אבגעשפרונגען אן א זייט און אויסגעשטעלט פערוואונ־דערט די אויגען און אנגעקוקט איינער דעם צווייטען מיט ערשטוינונג:

— וואס איז דאס דא

און היות ווי דער קינפטיגער היסטא־ריקער וועט זיך אודאי ברעכען דעם קאפ איבער דער דאזיגער רעטזעלהאפטע גע־שיכטע, וואס האט זיך אבגעשפיעלט אין מיטען איראפעאישען צענטער אין דער סאמע ברענענדיגער מלחמה־צייט, און וועט אודאי וועלען טרעפען, וואסער צו־זאמענהאנג דאס האט געהאט מיט דער גרויסער וועלט־מלחמה. לכן געבען מיר איהם דא שליסעל צו דער פראגע.

געשעהן איז אט וואס געשעהן:

דער יונגערמאן ש. פון מוראנאווסקא גאס איז געווארען א כלל־טהוער.

— די צרות־ישראל — האט ער ער־קלעהרט דאס ווייב זיינס — האבען איהם אזוי שטארק אנגעריהרט ביים הארצען. דאס ער האט בעשלאסען פשוט צו שטערקען דעם האלז און זיך אינגאנצען מקריב צו זיין פאר אידענס וועגען.

און, כידוע, וואס צו טהון איצט אין אזא ווארשא פעהלט נישט. א קליינינ־קייט אזוי פיעל פריוטען און פשיטולקעס און קינדער היימען. די ארבייט איז אזוי גרויס, אזוי גרויס. און הענד צו דער אר־בייט — אזוי ווייניג...

קיין איבעריגע מינוט איז ער נעביך אין דער היים נישט געזעסען. אויף גאנצע נעכט פלעגט ער פערפאלען ווערען.

א היים קומען א מידער, א צובראָ־כענער, קוים אויף די פיס געהאלטען זיך

— גוואלד געשריען — פלעגט דאס ווייב טעהנה'ן צו איהם — דו מאכסט דאך פון דיר א וויסטען תל, אמת, דו ביזט טאקע עוסק אין א גרויסע זאך. אבער דו דארפסט דאך פונדעסטוועגען דיין שטי־קעל געזונד אויך אין זינען האבען. דו ביזט דאך נישט מחויב פונדעסטוועגען זיך איינגאנצען אוועקצולעגען, שפיגעל דיך נאר אן, א בראך איז צו מיר, און זעה ווי דו קוקסט אויס...

— אודאי דיר איז לייכט אבצוזאגען — פלעגט ער ענפערען מיט א זיפץ, און שפארענדיג זיך פון גרויס מיעדקייט אויף דעם פארענטש פון דער שטוהל — אז דו זיצסט דיר רוהיג אין שטוב און זעהסט קיין זאך ניט. אח, ווען דו זאלסט אבער ווי איך שטעהן טאג און נאכט ביים ים פון די אידישע צרות און צוזעהען ווא־סערע מיני אומגליקען און וועהטאגען עס זענען פארהאן ביי אידען... א, דאן...

עס איז קענטיג געווען, דאס ס'איז איהם שווער פשוט צו ריידען דערפון, און דאס יעדעס ווארט קאסט איהם געזונד.

— גענוג שוין, גענוג — פלעגט איהם דאס ווייב, וועלכע עס האבען זיך גע־שטעלט טרעהרען אין די אויגען, נישט געלאזט ריידען ווייטער, און איהם אונ־טערגעטראגען א ווארים גלאז מילך, ער זאל „קומען צו די כחות."

לאנגזאם פלעגט ער נעביך, ליגענדיג אנגעשפארט אויפ'ן פארענטש, צוטראגען דאס גלאז מילך צום מויל און נעגעבען א זופ און א קרעכץ, א קרעכץ און א זופ. און דאס ווייב, קוקענדיג אויף איהם, פלעגט ווישען די אויגען, האלב פון צער און האלב פון נחת, און שעפטשען:

— אין דעם זכות, רבונו של עולם...

אזוי האט זיך עס געפיהרט א היבשע צייט.

פעם אחת, איינמאל אין אבענד, ווען דאס ווייב פון'ם כלל־טהור איז געזעסען אליין אין שטוב איז אריין א בעקאנטער און געבראכט איהר א גערוס.

— א גערוס אייך, זאגט ער, פון אייער ליבען מאן.

— וואו, ווען האט איהר דאס איהם געזעהען? האט זי איהם געפרעגט מיט א טאן אין וועלכען עס האט געקלונגען גענוג שטאלצקייט און צופרידענהייט פון איהר נחת.

— וואס הייסט וואו, אויף ביעלאנסקא גאס.

— שוין א נייער פריוט מסתמא.

— איז וואס זאל איך אייך זאגען, איי איז אייער מאן אן ארבייטען אהן עין הרע, איי שוויצט ער עס !...

— וואס דען ? ס'גאנצע געזונד לעגט ער דאך אוועק. די כחות געהן איהם אויס. גאנצע נעכט קומט ער דאך נישט אהיים.

— און א חדוש, איהר לאזט איהם אזוי און רעט איהם גאר קיין ווארט ניט, ער קען דאך נאך חלילה קומען צו...

— נו, אדרבה, וואס טהוט מען מיט א הם, אפשר ווייסט איהר אן עצה, איך האב שוין קיין כח נישט ריידענדיג, א מענש זאל זיך אזוי אריינלאזען מיט אלע הגישים, נישט אין זינען האבען קיין ווייב און קיין שטוב...

— וואס הייסט, וואס איהר זאלט טהון? געהט אהין און מאכט איהם א סקאנדאל, אז עס זאל איהם...

— פע, וואס רעט איהר וואס? מאכען איהם גאר א סקאנדאל אין פריוט?

— אין וואסער פריוט? איהר קענט איהם טרעפען, זאג איך דאך אייך, אויף ביעלאנסקא גאס ביי דעם קאלעגא זיי־נעם א, וואו ער זיצט איצטער, פונקט ווי אלע נעכט, און טאטשט...קארטען

לאנג, לאנג איז אין יענעם אבענד דאס ווייבעל געשטאנען אונטער דער טהיר פון קאלעגא א, אויף ביעלאנסקא גאס און זיך צוגעהערט צו דעם מאן'ס כלל־טהוע־רישער שטימע, וואס האט מיט אלע כחות „נעפאסעט" און געשטיגען מיט די „וויזעס" אזוי לאנג ביז זי האט שוין נישט געקענט מעהר איינשטעהן און זי האט א פראל־אויף געטהון די טהיר און געלאַנגט צו צום מאן, וועלכער איז געזעסען א פער־שוויצטער, א פערקאכטער, ביים קארטען־טיש, און איהם מכבד געווען אזוי ווי א ווייב קען:

— א דיר, ליבטיגער כלל־טהור מיי־נער, צוויי, דריי, אזוי גאר? האב דור אכציג שווארץ... פיער! פינף!!,

פעטש זיינען געפלויגען ווי האגעל.

— גזלן, כ'האב דאך פיער טייז! — האט דער מאן געקוויטשעט א צוטומעל־טער, ניט וויסענדיג פון וואנען ס'איז איהם געקומען, און נישט ארויסלאזענדיג די קארטען פון האנד.

— נא דיר טייז, די הולטיי שבהול־טייעס, נא דיר...

א צופלאסקעטער, א אבגעפערעגלטער, איז ער אנטלאפען אויפ'ן גאס און דאס ווייב נאך.

און אזוי צוטומעלט איז ער געווען, דער „כלל־טהוער", אזוי ציקאכט, דאס כמעט ביז'ן ראָג נאלעווקעס איז ער געלאפען מיט די אויסגעשטעלטע קארטען אין האנד, נישט אויפהערענדיג צו יעלה'ווען:

— גזלן, כ'האב דאך פיער טייז!..

„מאמענט" ב.

מעטש ספעציאליטעטען
שוין 64 יאהר אז מיר פאבריצירען מעטשעס, שטוביגע און אנדערע. מאנכע פון אונזערע ספעציאליטע־טען זיינען "דער גוליווער" מיט מיט א 4¼ אינטשיג שטעקעלע. "דער טעדיסטאז טארטש" פאר'ן געברויך אין דרויסען, וואקס וועסטאס פאר דעם רויכער און אנ־דערע וואריאטעטען.
פאר'ן שטוביגען געברויך איז דער פאפולערסטער מעטש די
"סיילענט ס"
נאר פאר יעדען געברויך
קויפט
עדדי'ס
THE E. B. EDDY
CO., LIMITED
HULL, - CANADA

נייעס אין קורצען

פעטראגראד בעריכטעט אפיציעל אז קיין וויכטיגעס איז אין דעם ראיאן פון ריגא ניט פארגעקומען.

אויפ'ן דווינסק פראנט האבען די דייטשען געמאכט אן אטאקע צפון פון גאר־בונאווקא, און האבען צוערשט געהאט א שטיקעל ערפאלג, פערנעהמענדיג עטליכע טרענטשעס אונזערע, אבער אין א קאנטער אטאקע וועלכע מיר האבען געמאכט הא־בען מיר עס צוריק גענומען. די דייט־שען האבען דערביי געהאט גרויסע פער־לוסטען.

ווי א איטאליענישער אפיציעלער בע־ריכט לויטעט, איז אין דער צייט פון 21־טען ביז'ן 27־טען אקטאבער, האבען זיי פערנומען 5067 געפאנגענע, א מאטאר־קאר, 21 הארמאטען און טויזענד ביקסען.

דעם גרויסען פאנג האבען די איטא־ליענער בעקומען אויפ'ן מאנטא־נערא פראנט.

פערוואונדעטע איטאליענער סאלדאטען וועלכע האבען זיך צוריקגעקעהרט פון די טרענטשעס דערצעהלען, אז ווען זיי הא־בען פערנומען עסטרייכישע טרענטשעס אין גאריצא זענען די טרענטשעס געווען אנגעפאקט מיט טויטע עסטרייכישע סאלדאטען. קיין איינער פון זיי איז ניט געבליעבען לעבען.

א אונגארישער קארעספאנדענט האט צוגעגעבען, אז די בולגארען האבען זיך בעגאנגען בארבאריש מיט די פרויען, קינ־דער און אלטע מענער, ווען זיי האבען פער־נומען די שטאדט „אוראניא".

דער זעלבער קארעספאנדענט האט אויך צוגעגעבען, אז טראצדעם וואס די בולגארען זענען ערשט אריינגעטראטען אין קריעג, פונדעסטוועגען האבען זיי שוין 50 טויזענד פערוואונדעטע.

עס הערט זיך ווידער א מאל, אז ווינסטאן טשירטשוויל, וועט רעזיגנירען פון ענגלישען קאבינעט. די אורזאכע איז וואס ער האט עטוואס גערעדט נעגען דער רעגירונג וועגען דער באלקאן פראגע. גע־רעדט האט ער עס אין א בריעף און ווען מען האט איהם געפרעגט וואס דער בריעף בעדייטעט, האט ער קיין ענטפער ניט געגעבען.

דזשיי. פ. מארגאן, דער ענגלישער פינאנץ פערטרעטער אין אמעריקא, איז נעכטען אפערירט געווארען אויף אפענ־דיסיטיס און ווי די דאקטוירים פערזיכע־רען איז די אפעראציאן העכסט געלונגען.

איינדרוקספאלע לויה פאר'ן געשאסענעם סטרייקער.

שיקאגא, אקט., 30.

די לויה פון שמואל קאפער דער סטריי־קענדער שניידער, וועלכער איז דינס־טאג דערשאסען געווארען פון די סקעבס, איז געוועזען איינע פון די איינדרוקס־פאלסטע לויה, און זיבען טויזענד מענ־ער און פרויען האבען איהם בעגלייט צו זיין אייביגער רוהע.

די לויה איז פערביינעגאנגען די תפארת ציון שוהל, וואו דער רב פון שוהל הרב גאלדענסאן האט איהם מספיד גע־וועזען.

עס האט אויך גערעדט סידני הילמאן פרעזידענט פון דער אמאלגעמייטעד, וועל־כער האט געשילדערט די טרויעריגע אומ־שטענדען פון די ארבייטער, וועלכע זע־נען געצוואונגען געוועזען צו סטרייקען.

די שיקאגאר בעפעלקערונג ארגא־נזירט א גרויסע פראטעסט פערזאמלונג נעגען די פאליציי'סקע מעשים אויף זונ־טאג.

היינט !

היינט געהען ווידער אונזערע וואָ־לונטירען זאמלען ביי אונז די 10 סענ־טיגע.

און ווידער האבען מיר א געלעגענ־הייט זיי מיט א שמייכעל פון א ברודער צו עמפפאנגען און אונזערע פאאר סענט געבען פאר אונזערע שוועסטער און ברי־דער.

היינט איז אונזער הייליגסטער טאג פון דער וואך ווען מיר ענטפערען אויף דעם געוויין פון אונזערע ליעבע.

היינט טהוען מיר טייערע פאלקס אר־בייט.

געהט נאבעלע וואלונטירען, געהט טייערע אידישע זיהן און טעכטער זאמ־לען געלד פאר אונזער פאלק, טהוט אייער נאבעלע ארבייט.

דיאידישע געשיכטע וועט אייך מיט ליעבע לדור דורות דערמאהנען.

קאננעל
$7
קוילען
א טאן
עס זיינען די קוילען אהן א חסרון. יעדער טאן קוילען איז גאראנטירט. די פרייזען וועלען באלד שטייגען, זו פארט געבען אייער ארדער.
פי קוילען $6.00 א טאן.
דארום איז עס בעסער איהר זאלט
CONNELL ANTHRACITE
MINING COMPANY
Limited
Tel. Ad-2068-2069-3297
Office Queen & Spadina

סצענע פון די "ווייסע פעדער" וועלכעס ווערט געשפילט די קומענדע וואך אין ראיאל אלעקסאנדרא טהעאטער.

LOEW'S
לאעוו'ס יאנג סטריט טהעאטער
אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט.
אבענד 10סענט 15 סענט און 25 ס
פאן 3600 — היי קלאס וואדעוויל. — באקססיטס רעזערווירט.
נעקסטע וואך.
גערהארד און וועסט — א ווינטעל פון מוזיקאלישער קאמעדיע
גרומבי, בוש און ראבינסאן — קאמעדיענס
בעריהמטער קולאק סטאר — אייב אטטעלל — אין א נייעס מאנאלאג
וועבער פאמיליע — מוזיקער פון מוזיק לאנד
„דוגאנ'ס געלד" — א קאמעדיעלע
די קעניגין פון רעג־טיים — וויאלעט סטאון — אין נייע קופלעטען
פאטא־פלעיס פון ערשטען ראן וואריעטי
באב, טיפ און קאמפאני — א מיידעל, א פאיאן און א הונט
צווייטע וואך'ס ערצעהלונג דריי רינגען און ציג — נייע געשיכטע יעדע וואך.

MEET ME AT THE FIRESIDE
Strand
YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM
MATS 5c-10c
EVES 5c 10c 15c
מאנטאג, דיענסטאג און מיטוואך
דער מאן וועלכער זיצט אין דער היים
אדער די
ווייסע פעדער
א גרויסארטיגע מלחמה פאסירונג
ס' ראבערט בארדען רעוויו פונ'ם
מיליטער אין שארנקליף
די 8־טע פארטזעצונג פון
די געטהין
מעזאניני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 3345

ALEXANDRA
אנפאנגענדיג מאנטאג אבענד
דער אויסערגעוועהנליכער ער־פאלג פון דריי קאנטינענטען.
ענגלאנד־אמעריקא־אויסטראליען
„די ווייסע פעדער"
THE WHITE FEATHER
ביי לעסטמער וואראל און דזש. ע. האראלד טעררי.
א קאמפף פון שארפזין — ניט מיט קוילען.
פרייזען: אווענד און שבת מאטינעע פון 50 סענט ביז א $1,50
מיטוואך מאטינעע פון 50ס. ביז $1
נעקסטע וואך — „דענסינג אראונד".

עמנואל קעגען

דארפט איהר פייער לייף־עקסידענט און פלייט גלאס אינשורענס ?
ראן קומט צו אייער אלט בעקאנטען דער איינציגער אידישער אינשורענס אגענט וואס שרייבט פייער פאליסעס
י. ע. קעגען
פאר דער קאנטינענטעל אינשורענס קאמפאניע און אנדערע בעריהמטע און זעהר פאפולערע קאמפאניעס וואס קאנסלען ניט קיין אידישע ביזנעס, מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס און אנדערע אזעלכע דאקומענטען ווערען געמאכט ביליג און פינקטליך.
קומט צו מיר אין אפיס.
24 טאראנטא סטריט. טעל. מיין 4711

טאראנטא'ס די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני
מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 אדעלייד סט. איסט, פאן מיין 7391. ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319.
New York Window Cleaning Co
1 Adelaide E

אויפרוף

אלע לאנדסלייט פון חמעלניק (קעלצער גובערניע) זיינען איינגעלאדען צו א מאס־מיטינג צו העלפען אונזערע קרובים זיי זאלען ניט אויסגעהן פון הונגער.

דיעזער מיטינג וועט שטאטפינדען זונטאג דעם 31־טען אקטאבער 2 אוהר אין 101 עליזאבעט סטריט.

די חמעלניקער רעליעף קאמיטע פאר די מלחמה ליידענדע.

צו פערענטען א פלעט פון 3 רומס
159 יוהאן סטריט
4067 —10—30

גריכענלאנד ווארט אויף רומעניע'ס האנדלונג.

אטהענס, אקט., 30.

דאס וואס לויט די בעריכטען, רומעניען האט גענומען א גינסטיגע שטעלונג צו די עלליים, דאס האט געמאכט א טיעפען רושם אויך אין גריכענלאנד.

עס ווערט דא, אין גריכענלאנד, מיט אונגעדולד ערווארטעט דער שלום צו וועלכען די עלליים זיינען געקומען מיט רומעניען.